# אַלמאַנאַך
# ייִדיש

אַרויסגעגעבן
פֿון
אַלוועלטלעכן
ייִדישן
קולטור-קאָנגרעס

# טעאַטער אויף יענער וועלט

## 1

שטיל אין בלאָק. אימהדיק שטיל. זיגמונט, דער געשטופּלטער שטובן־עלטסטער, שפּאַנט אַרויף און אַראָפּ אויפֿן לאַנגן ציגל־אויון ווי אויף אַן אויסגעטרעטענעם שטעגל אין אַ געפֿלעגטן גאָרטן אַליין מיט זיך. בלאָק־שפּערע. טויזנט העפֿטלינגס ליגן אויף די פּריטשעס, מען הערט זיי נישט, ווי זיי וואָלטן נישט געווען. ראָבערט, דער בלאָק־עלטסטער פֿון 16, האָט ליב צו ווײַזן בשעת אַן אינספּעקציע פֿון אַן עס־עס־מאַן אַז בײַ אים איז אַ ליידיקער בלאָק. שטענדיק דער זעלבער וויץ: פֿאַר וואָס שיקט מען נישט צו אים אַרײַן קיין העפֿטלינגס? אַלע בלאָקן זענען איבערגעפֿולט מיט „שײַסע" און איך, — ווײַזט ער דעם עס־עס־מאַן צו דער ליידיקער אויסגעשטאָרבנקייט, — בין בלאָק־עלטסטער אין אַ ליידיקן בלאָק. נאָר פּלוצלונג גיט ער אַ געשרײַ „אַלע אַרונטער!" און טויזנט העפֿטלינגס שפּרינגען אויף אַ מאָל אַרויס פֿון די פּריטשעס.

אימהדיק שטיל. דורך דער פֿענצטער־שפּאַרונע אין דער הייך, צווישן ווענט און דאַך, פֿאַלט אַרײַן די ליכט פֿון טאָג. נאָר דו ווייסט אַז דאָס איז נישט קיין טאָג און דאָס איז נישט קיין ליכט. דאָ איז נישט קיין אָרט, און דאָ איז נישט קיין צײַט. דאָ איז בלויז אַן ערגעץ, אין וועלכן דו ביסט אַרײַן, נישט וויסנדיק אַפֿילו ווען און ווי אַזוי. דו גייסט נישט אין דעם ערגעץ, און דו שווימסט נישט אין אים, דו ביסט אין אים.

חיים־ייִדל ליגט אין דער פּריטש, זײַנע ליפּן פּרעפּלען שטום: „דאָס מזל האָט זיך פֿון מיר אָפּגעטאָן!" אַ גאַנץ לעבן האָט ער געהאַנדלט. ער געדענקט נישט אַז ער זאָל זיך אַ מאָל האָבן צו עפּעס צוגערירט און דערבײַ נישט פֿאַרדינט זײַן שטיקל ברויט. אַפֿילו פֿון די טויטע געטאָ־מויערן האָט ער אויך געוואוסט אַרויסצוצײַען חיונה פֿאַר זײַן הויזגעזינד. ער איז קיין מאָל קיינעם נישט געפֿאַלן צו לאַסט. זײַן דבֿוירטשע האָט אין געטאָ נישט געדאַרפֿט לויפֿן מיטן טעפּל צו דער גמינע־קיך, ווי אַנדערע מאַמעס, אַהיימברענגען פֿאַר דער קליינער בעלאַ אַ ביסל זופּ. נישט קיין לוקסוס, אָבער דאָס טרוקענע שטיקל ברויט האָט נישט געפֿעלט. פֿאַרקערט, אַנדערע האָבן נאָך בײַ אים פֿאַרדינט. נאָר דאָ, אין אוישוויץ, האָט דאָס מזל זיך פֿון אים אָפּגעטאָן.

אַנדערע, טראַכט חיים־ייִדל, גיבן זיך פֿאָרט דאָ אַן עצה. אַנדערע דרייען זיך אין דער לאַטרינע, מאַכן געשעפֿטן, און פֿאַרדינען פֿאָרט אַ דערנעבנדיקע שיסל זופּ. אָ, ווען ער קאָן כאָטש איין מאָל אין דער וואָך צופֿאַרדינען אַזאַ שיסל זופּ! ער האָט שוין אויסגעזוכט אין אַלע ווינקלען פֿון לאַגער און ער

קאָן גאָרנישט געפֿינען. שטענדיק קומט ער ווען עס איז שוין צו שפּעט, אומעטום באַזעצט, אומעטום פֿאַרנומען. כּל־מיני לא־יוצלחס, וואָס אין דרויסן זענען זיי צו גאָרנישט פּעיִק געווען, האָבן זיך דווקא אין אוישוויץ אַן עצה געגעבן: איינער וואַשט די העמדער פֿון אַ שטובן־עלטסטן, אַ צווייטער קריגט אַרויס דורך אַ פּיפּל* די שטיוול פֿון בלאָק־עלטסטן צו פּוצן. זיי כאַפּן דערפֿאַר אַ פּאָרציע זופּ וואָס שטײַגט איבער פֿינף געוויינלעכע פּאָרציעס. דאָס איז נישט קיין פּאָרציע וואַסער. דאָס איז דאָס אמת־געדיכטע וואָס בלײַבט אונטן אין פֿאַס. און ער, וואו ער קערט זיך, זעט ער אַז דאָ־דאָרט איז פֿאָרט געווען אַ מקור פֿון פּרנסה, נאָר שטענדיק אַנטדעקט ער דאָס ווען עס איז שוין צו שפּעט, באַזעצט; און אויסצוגעפֿיגען עפּעס נײַעס איז ער נישט אומשטאַנד. דער מוח איז בײַ אים שוין אויסגעטרוקנט פֿון טראַכטן.

ווי באַלד עס וועט זיך ענדיקן די בלאָק־שפּערע, טראַכט חיים־ייִדל, וועט ער אַוועק צו דער לאַטרינע. אפֿשר וועט אים דאָרט אונטערקומען אַ פֿאַרדינסטל. פֿאָרט מאַכט מען דאָרט געשעפֿטן. פֿאָרט פֿאַרדינט מען דאָרט. אפֿשר ווען ער דרייט זיך דאָרט... יאָ! — שלאָגט אים צוריק דער געדאַנק, — וואָס וועט אים אַרויסקומען פֿון דרייען זיך דאָרט מיט ליידיקע הענט? נאָר ווען עס געלינגט אים אָפּצושפּאָרן איין איינציקע פּאָרציע ברויט, וואָלט ער געלאַכט פֿון דער וועלט. מיט אַ פּאָרציע ברויט אין דער האַנט, וואָלט ער שוין געוואוסט וואָס ער האָט צו טאָן: קודם־כּל וואָלט ער דערפֿאַר געקויפֿט אין דער לאַטרינע צוויי רייכערדיקע, דערנאָך וואָלט ער די סחורה אײַנגעטוישט בײַ איינעם פֿון די שטובן־דינסט אויף דרײַ פּאָרציעס זופּ, שפּעטער וואָלט ער פֿאַרקויפֿט צוויי פּאָרציעס זופּ פֿאַר אַ פּאָרציע ברויט און מיד ליד פֿאַרדינט פֿאַר אייגן געברויך אַ פּאָרציע זופּ. אָדער, אפֿשר גאָר, פֿאַרקויפֿן אַלע דרײַ פּאָרציעס זופּ פֿאַר אַנדערטהאַלבן פּאָרציעס ברויט, און צוּוואַרטן ביז דער מאָרגנדיקער ברויט־אויסטיילונג, דעמאָלט וועט ער אויפֿעסן די פֿאַרדינטע האַלבע פּאָרציע ברויט, און האַלטן אין די הענט גאַנצע צוויי פּאָרציעס ברויט צום האַנדלען. אָ, ווען ער קאָן נאָר קומען צו דער ערשטער פּאָרציע ברויט! אָבער דאָס זענען דאָך פּוסטע דיבורים! ווייניק מאָל האָט ער געפּרואווט? נאָר ער קאָן נישט! טויזנט מאָל אין טאָג שטאַרבט אין דיר אָפּ די נשמה. די אויגן קריכן אַרויס פֿון די לעכער, וואַרטנדיק אויף דער מינוט פֿון דער ברויט־אויסטיילונג אין אָוונט. טאָ ווער קאָן אויסהאַלטן צו ליגן אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ פּאָרציע ברויט צוגעדריקט צום האַרץ, נישט עסן פֿון איר און נישט משוגע ווערן? אָ, ווען ער קאָן אָפּשפּאָרן בלויז איין פּאָרציע ברויט, דער עיקר די ערשטע פּאָרציע, דערנאָך וואָלט ער געלאַכט פֿון דער גאַנצער וועלט.

---

* פּיפּל — ייִנגלעך וועלכע די בלאָק־עלטסטע אין אוישוויץ האָבן גענוצט צו זייערע סעקסועלע אָרגיעס.

ווען נישט די בלאָק־שפּערע וואָלט ער איצט אַריבערגעלאָפֿן צום בלאָק פֿון שילעווער רבֿ. אָפּט מאָל פֿילסטו אַז דו ביסט נאָענט צום חלשן פֿון הונגער. דאָס חלשן וואָלט געווען אַ טרייסט. נאָר דער זעלבער הונגער האַלט דײַן מוח אײַנגעקלעמט צווישן צוואַנגען און לאָזט דיך נישט חלשן. דאָס בעסטע איז דעמאָלט אַריבערצולויפֿן צום שילעווער רבֿ. דאָס האַרץ גייט איבער מיט טרערן, ביסלעכווײַז פֿאַלט דער מוח אַרײַן ווי אַ וויינענדיק קינד אין אַ דרימל, עס ווערט דיר לײַכטער, בעסער.

ווען דער שילעווער רבֿ וואָלט געווען מיט אים צוזאַמען אין בלאָק 16, וואָלט אים דאָ געווען אַ סך לײַכטער איבערצוטראָגן די יסורים. אויך פֿאַרן שילעוו.ער רבֿ וואָלט געווען בעסער. קודם־כּל וואָלט דער שילעווער רבֿ פּטור געוואָרן פֿון דעם מערדער פּרוכטנבוים. אַלע שטובן־עלטסטע זענען מער־דער, נאָר צו פּרוכטנבוימען קאָן זיך קיינער פֿון זיי נישט גלײַכן. ס'איז אַ סך לײַכטער איבערצוטראָגן די הונגער־יסורים אויב דו האָסט פֿאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פֿון האַרצן. דאָס ליגן אָט אַזוי אויף דער פּריטש, און דאָס אומאויפֿהערלעכע שטומע קוקן מיט די אויגן צו די ברעטער פֿון דער אײ־בערשטער פּריטש ציט פֿון דיר אַרויס דעם לעצטן פֿונק חיות. דאָ, אויף דער פּריטש, איז נישטאָ מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. פּראָפֿעסאָר ראַפֿאַעל, וואָס ליגט לעבן אים, וועט נישט מיד ווערן צו ליגן אָט אַזוי טאָג און נאַכט, און שווײַגן. אַפֿילו צו זײַנע פֿרײַנד, די פֿראַנצויזן, רעדט ער אויך נישט אַרויס קיין וואָרט. זיי שווײַגן דעריבער אויך. און אויב אַפֿילו פּראָפֿעסאָר ראַפֿאַעל וואָלט יאָ גערעדט, וואָלט אויך חיים־ייִדל נישט געקאָנט מיט אים אויס־טוישן אַ וואָרט. צען שפּראַכן, זאָגט מען, קאָן אָט דער פּראָפֿעסאָר, נאָר ייִדיש פֿאַרשטייט ער נישט אַ וואָרט. אַ משונהדיקער ייִד. מען האָט אים דאָ אַהער־געבראַכט פֿון גריכנלאַנד, דאָרט איז ער געבוירן געוואָרן. געלעבט האָט ער אין פֿראַנקרײַך, און פּראָפֿעסאָר איז ער געווען אין איטאַליע. סך־הכּל איז ער נאָך נישט אַלט קיין פֿערציק יאָר, און רעדן רעדט ער אויף צען שפּראַכן, נאָר ייִדיש, פּראָסט מאַמע־לשון, — אַ וואָרט נישט! ס'אַ מרה־שחורה אויף אַזאַ פּריטש. אומהיימלעכע פֿרעמדע וועלטן. זיי שווײַגן, קוקנדיק מיט די אויגן: איינער קיין איטאַליע, איינער קיין פֿראַנקרײַך, איינער קיין גריכנ־לאַנד. אַ מענטש קאָן דאָ פֿון זינען אַראָפּ.

אַ מאָדנע קראַנקייט האָט זיך דאָ צוגעטשעפּעט צום שילעוו.ער רבֿ. די הויט פֿון זײַן פּנים שיילט זיך ווי די קאָרע פֿון אַן אויסגעטרוקנטן בוים. מ'זאָגט, אַז אַ ביסל מאַרמעלאַדע וואָלט געווען אַ רפֿואה צו אַזאַ צרעת. אַ ביסל זיסעס. ס'פֿעלט אים אין בלוט אַ ביסל זיסעס. פֿון וואַנען נעמט מען אָבער אין אוישוויץ אַ ביסל זיסעס, אַז איין מאָל אין דער וואָך קריגט מען אַרויפֿגעשמירט אויפֿן עק פֿון דער פּאָרציע ברויט מיט אַ קליינעם לעפֿעלע אַ טראָפּן מאַרמעלאַדע. דער טראָפּן זאַפּט אײַן אין ברויט נאָך איידער די צונג

באַוויזט עס אַראָפּצולעקן. ווען נישט, וואָלט חיים־ייִדל דערמיט באַלד אַריינ־געלאָפן צום שילעווער רבֿ. אַ ביסל זיסעס.

אַבראַם דער מעקלער פּרעסט יעדן טאָג מאַרמעלאַדע. יעדן פֿרימאָרגן, פֿאַרן ערשטן גאַנג, ס׳איז נאָך טונקל אין בלאָק, טראָגט אים צו זיין זונדעלע, בעניעק, דער פּיפּל, דאָס פֿרישטיק צו דער פּריטש: צוויי פּאַרציעס ברויט, וואורשט, אַ טעפּעלע מאַרמעלאַדע, מאַרגאַרינע. אַזוי ווי דער קליינער בע־ניעק האָט אין געטאָ געקאַנט שמוגלען זעקס מעטער אַנצוג־שטאָף אַרום־געוויקלט אויפֿן בויך אַז קיין דייטש זאָל נישט באַמערקן, אַזוי טראָגט ער איצט אַרויס פֿון בלאָק־שטיבל דאָס פֿרישטיק אונטערן פּולאָווער אַז קיינער זאָל נישט זען. וואָס וואָלט אַזאַ אַבראַמען געשען ווען ער טראָגט איין מאָל אַוועק כאָטש איין לעפּעלע מאַרמעלאַדע צום שילעווער רבֿ? ווען נישט זיין זונדעלע, וואָלט אַבראַם שוין לאַנג געווען אַ מוזלמאַן. ס׳איז אים אַ נס גע־שען: בעניעק איז געוואָרן ראַבערטס פּיפּל.

דאָ, אין בלאָק, האָבן אַלע ליב זיך צו שטופּן צו אַבראַמס פּריטש. ערשטנס, וויל ער איז דעם פּיפּלס פֿאָטער. ס׳איז גוט צו זיין נאָענט צו אַזאַ יִחוס. צווייטנס, אַבראַם דערציילט שטענדיק גוטע פּאָליטיק: „היטלער איז אַראָפּ!...״ „מ׳וועט בקרובֿ עפֿענען די טויערן פֿון די לאַגערן!...״

קיינער פֿרעגט נישט פֿון וואַנען אַבראַם שעפּט די ידיעות. דאָס נייעס טראָגט זיך פֿון אויער צו אויער:

— פֿון וואַנען ווייסטו?

— ששש... אַבראַם...

שטענדיק איז ביי אַבראַמען אויף דער פּריטש פֿול. דאָרט הערט מען „גוטע פּאָליטיק״.

אַבראַם איז זאַט. ער דרייט זיך אַרום אינעם בלאָק ווי אין אַ פּענסיאָ־נאַט, און זינגט זיך תּמיד אונטער אַ ניגונדל. נישט איינעם פֿון אַבראַמס צוהערער שלעפּט מען ביי נאַכט אַרויס צו דער קופּע טויטע. נאָר זיין פּריטש איז שטענדיק פֿול מיט נייע צוהערער פֿון נייע טראַנספּאָרטן.

אָפּט מאָל פֿאַרבענקט זיך דיר צו די פּנימער פֿון געטאָ פֿון וואַנען מען האָט דיך געבראַכט. דו קוקסט דיך אַרום און דו געפֿינסט זיי נישט מער. איינציקוויז פֿאַרשווינדן זיי. פֿון וועווקע שוסטער איז פֿאַרבליבן בלויז אַ שאָטן. ער ליגט אויף דער פּריטש, שווייגט, און רירט זיך נישט פֿון אָרט. דאָס איז מער נישט יענער וועווקע שוסטער, דער לייטער פֿון שוסטער־שאָפּ אין געטאָ. אַ סך שטאַרבן דאָ אָפּ פֿאַר דיינע אויגן. ערשט האָסטו מיט זיי גערעדט, דו געדענקסט נישט אַז זיי זאָלן זיך האָבן אויף עפּעס באַקלאָגט. זיי זיינען אויף אַ האָר נישט געווען הונגעריקער ווי נעכטן, אייערנעכטן, אָט האָסטו זיי געזען, און אָט ליגן זיי אויף דער פּריטש אַזוי ווי פֿריִער, מיט אָפֿענע אויגן, זיי האָבן זיך גאָרנישט געענדערט, זיי זיינען בלויז — טויט.

דו קאָנסט קיין מאָל נישט וויסן צי דו שטאַרבסט נישט אין אָט דער איצטיקער רגע.

שטיל אין בלאָק. אימהדיק שטיל. טויזנט העפֿטלינגס האַלטן אײַן דעם אָטעם. באַלד וועט ראָבערט אַרויס פֿון זײַן בלאָק־שטיבל. ער וועט אַרויסקומען ווי אַ הערשער מישפּטן זײַנע אונטערטעניקע. זיגמונט דער געשטופּלטער האַלט אַ צעטל אין דער האַנט. דאָרט זענען אויסגעשריבן די נומערן פֿון די וואָס וועלן איצט ווערן געמישפּט. קיינער ווייסט נישט צי דער נומער וואָס אונטער דער הויט פֿון זײַן אָרעם געפֿינט זיך נישט איצט דאָרטן אין דעם ווײַסן צעטל וואָס זיגמונט האַלט אין דער האַנט. אַ רחמנות נעמט דיך אַרום אויף דײַן נומער. דײַן אוישוויצער לעבן קוקט צו דיר פֿון דאָרט אַרויס מיט אַ שטומען געבעט. וואָס קאָנסטו העלפֿן?

ראָבערט, דער בלאָק־עלטסטער, איז אַ רײַכס־דויטש. מען דערקאָנט דאָס באַלד. דער יִחוס פֿון מלאך־המוות הענגט איבער זײַן קאָפּ ווי אַ הילע. די ווענט האָבן פֿאַר אים דרך־ארץ. די ערד אויף וועלכער ער טרעט בוקט זיך צו אים. ראָבערט! ער טראָגט ווײַסע זעמשענע הענטשקעס אויף די הענט. פֿאַר וואָס ראָבערט איז געשיקט געוואָרן ווי אַ העפֿטלינג קיין אוישוויץ ווייסט מען נישט. ער רימט זיך נישט ווי אַנדערע בלאָק־עלטסטע מיט זײַן רײַכער פֿאַרגאַנגענהייט. אויף דער ברוסט פֿון זײַן עלעגאַנטן, אויסגעביגלטן העפֿטלינגס־ראָק טראָגט ער דעם גרינעם פֿאַרברעכער־ווינקל, אַ סימן אַז נאָך פֿאַרן קריג איז ער שוין געווען קרימינעל־פֿאַרמישפּט. מען זאָגט אַז ער איז אַ געוועזענער סטודענט פֿון היידלבערגער אוניווערסיטעט. אַלע בלאָק־עלטסטע האָבן פֿאַר אים דרך־ארץ, ווײַל מען ווייסט אַז מיט „קלייניקייטן" גיט זיך ראָבערט נישט אָפּ, נאָר ווען עס דאַרפֿן פֿאָרקומען מאַסן־מאָרדן אינעם לאַגער, אָדער בשעת עס קומען אָן קיין אוישוויץ גרויסע טראַנספּאָרטן מיט צענדלינגער טויזנטער מענטשן, און מען דאַרף דאָס אַלץ ליקווידירן במשך איין נאַכט, דעמאָלט באַנוצט זיך רודאָלף הויס, דער קאָמענדאַנט פֿון אוישוויץ, מיט ראָבערטן. ער רופֿט אים אַרויס צו דער באַן־ראַמפּע ווי אַ מומחה צווישן מומחים.

שטענדיק, ווי נאָר ראָבערט באַווײַזט זיך אין בלאָק, דערהערט זיך פֿון ערגעץ אַ פּריטש דאָס טרילערן פֿון אַ קאַנאַריק. דער „פֿײַפֿער", אַ טשעכישער בחור. מען זעט אים כּמעט נישט אַרויס. אַ קאָפּ שטעקט אַרויס פֿון אַ דריט־שטאָקיקער פּריטש. די אויגן פֿאַרשלאָסן. די באַקן פֿון דאַרן פּנים אָנגעבלאָזן ווי וועלשענע ניס־העלפֿטן וואָלטן געלעגן פֿון בײדע זײַטן אין מויל. די בלייכע ליפּן פֿאַררונדיקט, אויסגעצויגן ווי אַ טראָמפּייטל, מיט אַ קליין, רונדיק לעכעלע אין דער מיט.

שטענדיק, אַז ראָבערט גייט איבערן בלאָק, הערט זיך ווי אַ פֿאַרבענקטער קאַנאַריק אין וואַלד וואָלט געטרילערט די ראַפּסאָדיע פֿון ליסט. דער־נאָך, בײַם מיטאָג־אויסטיילן, שטעלט דער זעלבער „קאַנאַריק" אַרויס די

צווייטע האַנט מיט נאָך אַ שיסל. ער קוקט צו ראָבערטן מיט טרערנדיקן געבעט אין די אויגן: די צווייטע שיסל איז פֿאַרן טרילן.

די טיר פֿון בלאָק־שטיבל עפֿנט זיך. ראָבערט קומט אַרויס. דער בלאָק קוקט אויס ווי ער וואָלט געווען ליידיק. טויזנט העפֿטלינגס האַלטן אײַן דעם אָטעם. בלויז זיגמונט שטייט אויפֿן רוקן פֿון לאַנגן אויוון־טראָטואַר, דער צעטל אין זײַן האַנט. ראָבערט גייט מיט לאַנגזאַמע טריט. מען הערט דעם קריץ פֿון זײַנע שטיוול. פֿון אַן אייבערשטער פּרישט בייגט זיך אַרויס אַ קאָפּ, די אויגן פֿאַרשלאָסן מיט דבֿיקות, דאָס האַרץ שפּרינגט הינטער די אויסגעטרוקנטע ריפּן־ביינער ווי אַ פֿויגל אין שטײַג, און דורך דער גע־ניאַלסטער מוזיקאַלישער שאַפֿונג פֿון אַלע צײַטן, טרילערט ער איצט אויס די בענקשאַפֿט צו נאָך אַ שיסעלע זופּ.

זיגמונט דער געשטופּלטער שפּרינגט אַראָפּ פֿון ציגל־אויוון. ער הייבט אויף דעם שטעקן, גיט מיט אים אַ זעץ אין האַלץ לעבן אַרויסגעשטעקטן קאָפּ פֿון קאַנאַריק:

— גענוג!

די פֿאַרמאַכטע פֿאַרדבֿיקותטדיקע אויגן פֿון פֿײַפֿער רײַסן זיך אויף, ער קוקט צו דער וואַכיקער ווירקלעכקייט צו וועלכער מען האָט אים אויפֿגעוועקט. דאָס טרילערײַ ווערט איבערגעריסן אין דער מיט.

ראָבערט איז איצט אַרויסגעקומען צום בלאָק ווי אַ הערשער וואָס זעצט זיך אויף דער שטול מישפּטן זײַנע אונטערטאַנען. זיגמונט, דער שטובן־עלטסטער, האַלט אַ צעטל אין האַנט, דאָרט זענען פֿאַרשריבן די נומערן פֿון העפֿטלינגס איבער וועלכע ראָבערט וועט איצט אַרויסזאָגן זײַן פּסק־דין: וועמען אויפֿהענגען אין מיטן בלאָק אויף די הענט, און וועמען „פֿינף־און־צוואַנציק אָם אַרש", וועמען אַרײַנשטעקן דעם קאָפּ אין אַ לאַטרינע־לאָך ביז ער וועט דערשטיקט ווערן, און וועמען אַוועקלייגן אויף דער ערד און מיט אַ שטעקן מאַכן אַ „הושטאַווקע" אויפֿן האַלדז. ס'איז די שעה פֿון גרויסן מישפּט. צוליב דעם איז ראָבערט איצט אַרויסגעקומען פֿון זײַן שטיבל. טויזנט הערצער האַלטן אײַן דעם אָטעם.

באַלד וועט עס געשען.

נאָר ראָבערט האָט פּלוצלונג באַמערקט אויף איינער פֿון די פּריטשן זיצן זײַן פּיפּל, בעניעק. זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן ווי די בליקן פֿון צוויי פֿאַרליבטע וואָס טרעפֿן זיך צופֿעליק אויף אַן עפֿנטלעך אָרט. האָט ראָבערט פֿאַרגעסן דעם ציל נאָך וואָס אייגנטלעך ער איז איצט אַרויסגעקומען צום בלאָק. ראָבערט דרייט זיך הין און צוריק אַקעגנאיבער דעם פּריטש אויף וועלכער בעניעק זיצט, ווי אַ פֿאַרליבטער הינטערן פֿענצטער פֿון זײַן געליבטער. ראָבערט ציט די ווײַסע, זעמשענע הענטשקעס אויף זײַנע הענט, יעדן פֿינגער באַזונדער. ער קלאַפּט מיטן שטעקן אין דער גלאַנציקער כאַלעווע פֿון זײַן שטיוול, און זײַן פּנים שמייכלט דיסקרעט, פֿאַרליבט, אין זיך אַרײַן.

בעניעק זיצט אויפֿן ראַנד פֿון דער אייבערשטער פּריטש, בײדע פֿיס־לעך הענגען אַראָפּ אין בלאָק אַרײַן. הינטער זײַן רוקן ליגט אַבראַם, זײַן פֿאָטער, און נייט־צו בעניעקן אַ קנעפּל וואָס האָט זיך אָפּגעריסן לעבן די שעלקעלעך.

בעניעק טראָגט אַ ווײַסן, וואָלענעם פּולאָווער, אויסגעפּאַסט, פֿאַרמאַכט ביז אַרויף צום האַלדז. דאָס האָט ראָבערט אים געבראַכט אַ מתּנה פֿון דער באַן־ראַמפּע. אַרום האַלדז איז דער פּולאָווער פֿאַרלייגט טאָפּלט, ספּאָרט־מעניש. בעניעק טראָגט שײנע רײַט־הויזן, אויסגעפּאַסטע אויף די קניִען, אַרײַנגעלאָזטע אין שײנע, הויכע שטיוועלעך. די הויזן האָט דער זשיכלינער שנײַדער אויפֿגענייט ספּעציעל פֿאַר דעם פּיפּל. ער האָט זיי פֿאַרענדיקט אַ טאָג פֿריִער איידער ער איז אַוועק אין קרעמאַטאָריום.

ראָבערט האָט הנאה געהאַט צו קוקן צו זײַן פּיפּל פֿון דער ווײַטנס, דווקא אָט־אַזוי, בשעת ער זיצט דאָרט אויבן מיטן רונדן מלאָך־פּנימל, מיט די רויטע, פֿולע ליפּעלעך, און מיט דעם מיידליש־שקאָציִשן גלאַנץ אין די אויגן. דווקא דאָס רייצט ראָבערטן צום שטאַרקסטן. ראָבערט איז שטאָלץ. אַלע ווייסן אַז ער האָט איצט דעם שענסטן פּיפּל אינעם לאַגער.

אַז זיגמונט דערלאַנגט ראָבערטן דעם צעטל מיט די אויפֿגעשריבענע נומערן, גייט אַדורך אַ ציטער אינעם בלאָק. ראָבערט האַלט דעם צעטל אין האַנט. קוקט אין אים אַרײַן, הייבט ווידער אַרויף די אויגן צום פּיפּל, און לאָזט זיי ווידער אַראָפּ צום צעטל. ער שמייכלט אינעם צעטל אַרײַן, און ס'איז קאָנטיק אַז ער טראַכט אַ האָר נישט פֿון דעם וואָס עס איז געשריבן אינעם צעטל. מען זעט, אַז ער טראַכט איצט גאָר עפּעס אַנדערש. אַ צופֿרי־דענער שמייכל איז אויסגעגאָסן אויף זײַן אויסגעראַזירטן פּנים. ראָבערט צעקנייטשט דעם צעטל מיט די פֿינגער. דער צעטל ווערט קלענער, קלענער. מען זעט אים מער נישט אַרויס פֿון דער פֿאַרמאַכטער פֿויסט, אַ שטייגער אַן אויסגעשטראָכענע, אָנוועריטיקע זאַך; אַ וועקסל וואָס זײַן צאָל־טערמין איז שוין אַריבער. ראָבערט שטעלט צוריק אָן זײַן ערנסט, שטרענג פּנים. נאָר טויזנט הערצער פֿילן אַז דאָס איז בלויז אָנשטעל. הערצער פֿון העפֿט־לינגס קאָן מען נישט אָפּנאַרן. ראָבערט קלאַפּט איצט שטאַרקער מיטן שטעקן אין די כאָלעוועס פֿון זײַנע שטיוול, דרייט זיך אַרויף און אַראָפּ, און רעדט אַרײַן צו די פּריטשן מיט אַן אַקטיאָרישער, טיפֿער באַריטאָן־שטימע:

— הײַנט האָט איר אַמנעסטיע! — שרײַט ער אויס, — נאָר אויב זיגמונט וועט מיר אַ צווייט מאָל דערלאַנגען אַ צעטל, וועט דער גאַנצער בלאָק מאַכן „ספּאָרט" לויט מײַן פּערזענלעכער קאָמאַנדאָ!

אינעם בלאָק ווערט ליכטיק. ווי אַ זון וואָלט פּלוצלונג אויפֿגעשײַנט. בעניעק שאָקלט מיט די אַראָפּהענגענדיקע פֿיסלעך אין דער לופֿט. ער כאַפּט אויף דעם צוגעוואָרפֿענעם שמייכל פֿון ראָבערטס אויגן, און שיקט אים צוריק אַ שמייכל ווי אַ יונגע פּרינצעסין צו איר ריטערלעכן קאַוואַליר וואָס

האָט נאָר וואָס העלדיש געזיגט אין אַ דועל צוליב איר כּבֿוד. אַבֿראָם ציט דעם לאַנגן נאָדל־פֿאָדעם פֿון צוגענייטן קנעפּל, און כאַפּט דערבײַ אַ זײַטיק קוקעלע מיט אַ ווינקל אויג צו ראָבערטן און שעפּט הינטער בעניעקס רוקן נחת. ער פֿילט זיך דאָ, אויף דער שׂימחה, אַ שטיקל מחותּן. ער האָט הנאה פֿון ראָבערטן, אַ שטייגער, ווי דער פֿאָטער פֿון דער כּלה וואָס שעפּט נחת פֿון זײַן גערעכטענעם חתן.

2

בלויז דרײַ ווערטער רײַסן זיך אַ מאָל אַרויס פֿון פּראָפֿעסאָר ראַפֿאַעלס מויל: די נעמען פֿון זײַן פֿרוי און צוויי קינדער. די פֿראַנצויזן וואָס ליגן לעבן אים הערן דאָס און זייער שווײַגן אויף דער פּריטש ווערט דערנאָך געדיכטער, שווערער, אומדערטרעגלעכער. נישטאָ פֿאַר חיים־יידלען וואוהין צו אַנטרינען פֿון אָט דער פּריטש. ראָבערט איז שוין אַרויס פֿון בלאָק, און די בלאָק־שפּערע ציט זיך ווײַטער.

נעמען פֿון קינדער. דאָס צעשנײַדט חיים־יידלען דאָס האַרץ. איידער ער איז אַרויס פֿון בונקער האָט די קליינע בעלאַ אים אַרומגעכאַפּט: „טאַטי, וואוהין גייסטו?" ער איז אַרויס פֿון בונקער זען צי מען קאָן אַנטלויפֿן פֿון געטאָ. איין מאָל איז ער שוין אַנטלאָפֿן פֿון אַ ברענענדיקן געטאָ צוזאַמען מיט דבֿוירטשען און מיט דער קליינער בעלאַ אויף דער האַנט. דעמאָלט איז דאָס אים געלונגען. דאָס מאָל האָבן די דײַטשן אים געכאַפּט. ער ווייסט נישט וואָס עס האָט פּאַסירט דערנאָך מיט דבֿוירטשען און בעלאַן. אפֿשר האָבן זיי זיך געראַטעוועט? זיי זײַנען דאָך פֿאַרט געבליבן אין בונקער. בעלאַ וועט נישט וויינען. בעלאַ איז איצט אַלט דרײַ און אַ האַלב יאָר. בײַ אַלע קינדער־אַקציעס אין געטאָ האָט דאָס קינד נישט געוויינט. אין אַ פֿאַר־מאַכטן קאַסטן איז זי געלעגן און נישט געוויינט. נישט איין מאָל זענען די דײַטשן געשטאַנען לעבן קאַסטן, אָבער בעלאַ האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס. זי האָט שוין געוואוסט ווי אַזוי זיך אויפֿצופֿירן בשעת אַ דײַטשער אַקציע.

„טאַטי, וואוהין גייסטו?..."

ס'איז געווען פֿינצטער אינעם בונקער. ער פֿילט נאָך איר פּנימל אויף זײַנע באַקן, אירע הענטלעך אַרום זײַן האַלדז. זי האָט זיך געדריקט צו אים פֿעסט...

דרײַ ווערטער: נעמען פֿון זײַן פֿרוי און זײַנע צוויי קינדער לאָזט פּראָ־פֿעסאָר ראַפֿאַעל הערן.

חיים־יידל האָט מער נישט געקאָנט אײַנליגן אויף דער פּריטש.

* * *

אַבֿראָם איז געזעסן אין דער מיט פֿון זײַן פּריטש. אַרום אים העפֿטלינגס, ליגנדיק אויף די בײַכער, מיט אויפֿגעהויבענע קעפּ צו אים. צווישן אַבֿראַמס פֿיס זענען געשטאַנען, ווי אויף אַ געדעקטן טיש: אַ טעפּעלע מאַרמעלאַדע,

אַ גרויסע פּײַקע ברויט, אַן עקל פֿון אַ וואורשט, אַ שיין אַלומיניום־שעכטעלע פֿאַרמאַכט מיט אַ דעקל, וואָס אינעווייניק האָט אַבראַם געהאַלטן מאַרגאַרינע. אַבראַם האָט מיט אַ מעסערל, — געמאַכט פֿון אַ לאַנגן נאָגל, — געשניטן מוציאלעך פֿון דער פּײַקע. געעפֿנט מיט צוויי פֿינגער דאָס דעקל פֿון אַלומיניום־פּושקעלע, אַוועקגעלייגט עס געלאַסן, און געשמירט מאַרגאַרינע אויפֿן ברויט, דערנאָך אַרויפֿגעשמירט מאַרמעלאַדע, צעשניטן מיטן מעסערל קליינע „קאַזשעלעך”, אײַנגעשטאָכן מיטן שפּיץ־מעסער אין איינעם פֿון די קאַזשעלעך, און אָט אַזוי דאָס געשטעקט מיט גרויס כּוונה טיף אין מויל אַרײַן, צוריק אַרויסגעצויגן דאָס מעסערל פֿון די צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן, בשעת די צענדלינגער אויגן באַגלייטן זײַן יעדע באַוועגונג און פֿילן דערבײַ ווי נישט אַבראַם וואָלט דאָס געטאָן, נאָר אויך זיי, די צוקוקער, נעמען די „קאַזשעלעך” אינעם מויל, פֿאַרקוועטשן די ליפּן, נאָר זייערע ציין קײַען דאָס שפּײַעכץ אין מויל.

חיים־יידל קוקט און עס ברענט אין אים דער צאָרן. ער וואָלט איצט געוועזן פֿעיִק אָנצוכאַפּן די מיאוסע נבֿלה בײַם טרייפֿענעם גאָרגל און אים דערווערגן. דער מנוול קאָן דען נישט דערשטיקט ווערן מיט זײַן פֿרעסערײַ בײַ נאַכט, ווען עס זעט נישט קיינער? דווקא איצט מוז ער פֿרעסן אַזוי בנעימות? נאָר חיים־יידל ווייסט אַז קיינער האָט נאָך אים נישט געשיקט. ער איז אַנטלאָפֿן פֿון זײַן פּריטש ווײַל ער האָט געפֿילט אַז דאָרט וועט ער פֿון זינען אַראָפּ. יעדן צײַט צו אַבראַמס פּריטש. יעדן צײַט צו קוקן ווי מען עסט. די שלייפֿן קלאַפּן אין קאָפּ ווי מיט האַמערס. אָבער קיינער האָט נישט קיין כּוח זיך אָוועקצורײַסן פֿון דער סעודה.

איין גאָט ווייסט ווי פֿײַנט ער האָט אַבראַמען. עס שטינקט פֿון אים דאָס פּיפּלישקייט פֿון זײַן זון. פֿונדעסטוועגן ציט עס דיך צו זײַן פּריטש. דאָרט, בײַ ראַפֿאַעלן און בײַ די פֿראַנצויזן, הערשט דער טויט. אָבער בײַ אַבראַמען אויף דער פּריטש הערשט דאָס לעבן. נאָר דער מנוול האָט נישט אין זיך קיין פֿונק פֿון אַ יידיש האַרץ. אַנומלט זאָגט ער צו אים: „חיים־יידל, שאַף מיר אַ פּושקעלע צו מאַרגאַרין!” איז ער געלאָפֿן צו דער לאַטרינע, זיך געדרייט צוויי טעג, געקריגן מיט שטעקנס פֿון קאַפּאָס, ביז ער האָט געפֿונען אָט דאָס אַלומיניום־פּושקעלע. אַ פּושקעלע אַ גאָלד! דער רוס האָט פֿאַרלאַנגט צוויי זופּן. ווען ער וואָלט דעמאָלט געהאַט אַ פּײַקע ברויט, און געמוזט געבן פֿיר פּאָרציעס ברויט פֿאַר אַזאַ פּושקעלע. נאָר וואָס האָט ער געהאַט אַן אַנדער עצה ווי אַרײַנצופֿירן דעם רוס צו אַבראַמען! און וואָלט ער געקאָנט נתעשר ווערן. אָט דער טרייפֿענער בייך וואָלט געפּלאַצט אויב דער אויסוואורף האָט שוין געהאַנדלט מיטן רוס גופֿא, איז לויט זײַן יושר אויסגעקומען אַז חיים־יידל איז אים שוין מער נישט נייטיק. ס'האָט דעם מנוול אָפּגעגליקט. זײַן זון איז געוואָרן פּיפּל. ווען נישט, וואָלט ער שוין פֿון לאַנג געפֿלויגן דורכן קוימען.

אַבראַם האַלט אין זײַנע הענט דאָס עקל פֿון וואורשט. ער רעדט געלאַסן, בשעת זײַנע ציין בײַסן בנעימות קליינע שטיקלעך אַרום דעם וואורשט. איינציקוויײַז קוקט עס אויס ווי דאָס וואורשט־פֿלייש אין דער הויט וואָלט געזעסן ווי אין אַ בעכערל.

די אַרומליגנדיקע אויף דער פּריטש הערן נישט אַ וואָרט וואָס ער רעדט. זייערע אויגן זענען אײַנגעשטאָכן אינעם רויטלעכן פֿלייש פֿון וואורשט וואָס ווערט וואָס אַ מאָל שפּיציקער אין דעם מיטן פֿון הויט־בעכערל. אַבראַם בײַסט ווידער אָפּ אַ שטיקל מיט די שפּיצן־ציין, נאַטשעט עס אין מויל ווי אַ זיסקייט, און די אויגן פֿון די אַרומיקע נאַטשן עס מיט אים צוזאַמען, בציבור. נאָר אָנשטאָט דעם וואורשט, נאַטשן זיי די צונג אין מויל.

— אויב די טערעזיענשטאָטער האָבן געהערט, — ציט אַבראַם די ווערטער, — נאָך איידער מען האָט זיי געבראַכט קיין אוישוויץ, וועגן דעצידירנדיקע שלאַכטן אין קרים, — אַבראַם בײַסט מיט איין מאָל אָפּ דאָס שפּיצל אין דער מיט פֿון בעכערל, — ייִדן! איר הערט? ווי באַלד דער פֿראָנט קומט־צו צו דער פּוילישער גרענעץ, זענען מיר פֿרײַ!...

חיים־ייִדל פֿילט אַז ער קאָן מער נישט שווײַגן. די ווערטער רײַסן זיך אַרויס פֿון זײַן מויל:

— און אַז די „יאָסעלעך"* וועלן נאָך צוקומען צום קרימער העלדזל, איז קכככבי... — פֿאַרקוועטשט חיים־ייִדל די פּויסט לעבן אַבראַמס אויגן; ער שטעקט אַרויס די צונג ווי אַ דערוואָרגענער, — איז קכככבי... קכככבי... און ער פֿילט בשעת־מעשׂה אַז נישט דעם דײַטשס האַלדז וואַרגט ער איצט, נאָר אַבראַמס.

— בהמה, וואָס אַמפּערסט דו זיך! — שרײַט אַבראַם, — אָט דאָס זעלבע זאָג איך דאָך! איך האָב נאָר פֿאַרגעסן צו פֿרעגן ווי ווײַט קרים איז פֿון דער פּוילישער גרענעץ. אויב קרים איז נאָענט, וועט מען הײַנט־מאָרגן עפֿענען די טויערן פֿון לאַגער.

די אויגן פֿון די אַרומלינגדיקע אַרום אַבראַמען קוקן אויפֿן ליידיקן הויט־בײַטעלע פֿון וואורשט. מעגלעך אַז צווישן זיי זענען פֿאַראַן אַזעלכע וואָס נישט נאָר ווייסן זיי וואו עס געפֿינט זיך קרים, נאָר זיי גופֿא האָבן אפֿשר געוואוינט אין די ווילעס פֿון שיינעם יאַלטע. נאָר איצט, בשעתן גע־אַמפּערײַ צווישן חיים־ייִדלען און אַבראַמען, הערן זיי אַפֿילו נישט וועגן וואָס אייגנטלעך מען רעדט דאָ. די ווערטער: „קרים", „יאָסעלעך", „פּוילישע גרענעץ", „עפֿענען די טויערן" — קלינגען אין זייערע אויערן ווי עכאָס פֿון ווײַטע, אויסגעהוילטע ווערטער; ווי ליידיקע פֿעסער פֿון מיטאָג־זופּ, וואָס ס'איז נישטאָ דאָרט אַפֿילו וואָס אויסצולעקן. זיי ווייסן נישט וועגן וואָס מען אַמפּערט זיך דאָ אַצינד. איינס ווייסן זיי: אַבראַם איז גערעכט! ווײַל

* „יאָסעלעך" — רויטע אַרמייער, אויפֿן נאָמען פֿון יאָסיף סטאַלין.

אַבראַם עסט וואורשט. און נאָך אַ זאַך ווייסן זיי: אַז פֿאַר דעם ליידיקן הויט־בײַטעלע וואָס געפֿינט זיך נאָך אין אַבראַמס הענט וואָלטן זיי איצט אַוועקגעגעבן אַלץ, אַלץ. און ווען אַפֿילו מען דערלויבט זיי אין דער איצטיקער רגע אַרויסצוגיין אויף דער פֿרײַ, וואָלטן זיי דערויף גלײַך מוותּר־געווען פֿאַר דעם ליידיקן הויט־בײַטעלע פֿון וואורשט.

* * *

חיים־ייִדל איז געקראָכן איבער די ליגנדיקע אויף די ברעטער. ער האָט זיך געוואָלט אַדורכשלאָגן צו דער פּריטש וואו עס ליגט וועווקע שוסטער. עטלעכע פּריטשעס ווײַטער פֿון אַבראַמען ליגט דער פֿײַפֿער. חיים־ייִדל קוקט צו אים. דער פֿײַפֿער גראַבלט עפּעס אַרויס פֿון קעשענע מיט צוויי צונויפֿגעקוועטשטע פֿינגער, שטעלט עס אָן אַקעגן די אויגן, קוקט אַ רגע, און נעמט דאָס אַרײַן צווישן די ציין. אַוודאי ברויט־קרישקעלעך. נאָר חיים־ייִדל קאָן נישט פֿאַרשטיין ווי אַזוי איז מעגלעך אַז אין אַ טאַש זאָלן זיך האַלטן ביז איצט ברויט־קרישקעלעך. ווי אַזוי ווייסט עס אַ מענטש אַז אין זײַן קעשענע ליגן אַזעלכע קרישקעלעך און ער קאָן זיך אײַנהאַלטן ביז איצט, אַ גאַנצע נאַכט! אַ גאַנצן פֿרימאָרגן! פֿון וואַנען נעמט זיך צו אַ מענטש אַזאַ כּוח?!

לעבן פֿײַפֿערן ליגן איינס לעבן אַנדערן צוויי שיסעלעך מיט די רוקנס אין דער הייך. זיי ליגן ווי צוויי לעבעדיקע באַשעפֿענישן וואָלטן זיך וואַרעמען לעבן זײַן זײַט. צוויי שיסעלעך. ער טראָגט זיי שטענדיק מיט זיך. ס'אַ גרויסע פּריווילעגיע. ווי זיי וואָלטן געווען זײַן אייגנטום. קיינער אין בלאָק טאָר נישט האַלטן בײַ זיך קיין שיסל. זײַנע שיסעלעך זענען אויסגעוואַשן, ריין. עס שמעקט פֿון זיי דער געטלעכער טעם פֿון זופּ. אויף איינער פֿון זיי זענען נאָך פֿאַראַן ווײַסע פּלעקעלעך, אַן איבערגעבליבענער זכר פֿון עמאַל.

אָט איז אַ גליקלעכער מענטש, טראַכט חיים־ייִדל. מ'קאָן קיין מאָל נישט וויסן אינעם לאַגער פֿון וואַנען עס קאָן קומען די הילף. אָט האָט אַ מענטש אין אוישוויץ זיך פֿײַן אײַנגעאָרדנט, און ער וועט לעבן. ער איז שוין פֿאַרזיכערט. די שטובן־דינסט ווייסן אַז ער מעג האַלטן די צוויי שיסלען אין די הענט בשעת מען טיילט די זופּ. ס'איז לעגאַל. דער פֿײַפֿער! בײַם פֿאַס שטעלט ער אַרויס איין שיסעלע. ער באַקומט די פּאָרציע ווי יעדער איינער. און מניה־וביה שטעלט ער אַרויס די לינקע האַנט מיטן צווייטן שיסעלע. ראָבערט הייבט אויף די אויגן פֿון פֿאַס זופּ. דער פֿײַפֿער קוקט מיט בײַ דער נאָז הייבט בײַ אים אָן צוקן. אין זײַנע אויגן ליגט תּחנונים: דאָס בין איך, דער פֿײַפֿער! ער איז גרייט, אָט אַזוי שטײַענדיק מיטן צווייטן שיסעלע אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט, אָנצוהייבן טרילען ווי אַ קאַנאַריק־סימפֿאָניע ער וויל. נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ מוזיקאַלישע שאַפֿונג וואָס ראָבערט מעג אַפֿילו אויסקלויבן סאָרט אין דער איצטיקער מינוט.

ער, דער פֿײַפֿער, זאָל איר אָט־אָ־דאָ, שטייענדיק בײַם פּאַס, נישט קאָנען אַרויסברענגען פֿון דעם רעדעלע וואָס ער וועט באַלד מאַכן מיט די ליפּן. אַדרבא, זאָל ראָבערט אים איצט אויספּרואוון.

נאָר ראָבערט האָט גאָרנישט בדעה אים אויסצופּרואוון. ראָבערט האָט בלויז אויפֿגעהויבן די אויגן, צו זען ווער ס'איז דאָס דער וואָס האָט געוואַגט אים אונטערצושטעלן אַ צווייט שיסעלע מיט דער לינקער האַנט. אַהאַ, ס'איז דער פֿײַפֿער! אויב אַזוי, אין אָרדענונג. ביטע זייער! פֿאַרקערט: איצט טוט ראָבערט אַ לאָז אַראָפּ דעם לעפֿל טיף ביז צום דנאָ פֿון פּאַס, דאָרט וואו עס רוען די לעגענדאַרע אוצרות, דאָס אמתע געדיכטע, נישט דאָס וואַסער וואָס שווימט אַרום אויבן. די אויגן קריכן אַזש אַרויס בשעת ראָבערט פֿישט פֿון דאָרט אַרויס אַ פֿולן לעפֿל. גאָט מײַנער! מען דערזעט וואונדערלעכע זאַכן. אַ שטייגער די פֿאַרכישופֿטע אַטלאַנטידע וואָלט אַרויסגעשוואומען פֿון אָקעאַן. ביטע זייער! ס'איז דאָך דער פֿײַפֿער!

אַזאַ פּאָרציע זופּ איז גאָרנישט אָפּצושאַצן. חיים־ייִדל האָט נאָך נישט אין זײַן גאַנץ לעבן געהאַט דאָס גליק צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון אַזאַ זופּ. און ווער ווייסט צי בײַ זײַן לעבן וועט אים שוין אויסקומען עס טועם צו זײַן! ער וואָגט אַפֿילו נישט צו חלומען פֿון אַזאַ פּראָמינענטן־זופּ. נישט אומזיסט קאָנען זיך בײַם פֿײַפֿער אין דער קעשענע פֿאַרוואַלגערן ברויט־קרישקעלעך אין דער איצטיקער שעה.

חיים־ייִדל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן עק פֿון דער פּריטש. ער האָט זיך צוגעבויגן צו די פֿיס פֿון פֿײַפֿער ווי אַ געשלאָגענער הונט וואָס בעט די לאַסקע פֿון באַלעבאָס. ער האָט זיך געפֿילט זייער קליין און זייער אָרעם אַקעגן אים. ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי צו עפֿענען דאָס מויל און וואָס ער זאָל אָנהייבן רעדן.

דער פֿײַפֿער איז איצט געווען זייער באַשעפֿטיקט. ער האָט עקשנות־דיק געזוכט אין די ווינקלען פֿון דער קעשענע. זײַנע צוויי פֿינגער־שפּיצן האָבן ווײַזט אויס מער גאָרנישט געפֿונען.

חיים־ייִדל האָט אויפֿגעהויבן צו אים די אויגן. פֿון זײַן מויל האָט זיך אַרויסגעריסן:

— דו האָסט געלערנט פֿון קליינערהייט דאָס פֿײַפֿן?

דער פֿײַפֿער האָט געקוקט אויף דעם „עפּעס" צווישן זײַנע שפּיץ־פֿינגער וואָס ער האָט נאָר־וואָס אַרויסגעגראַבלט פֿון קעשענע:

— ניין, — האָט ער סײַ ווייך, סײַ גלײַכגילטיק געענטפֿערט.

חיים־ייִדל האָט נישט געוואָלט דער שמועס זאָל זיך אָט אַזוי ענדיקן. ער האָט געוואָלט ווײַטער ציִען דעם געשפּרעך מיטן פֿײַפֿער. ער איז אויסן־געווען עפּעס צו דערגרייכן פֿון דעם שמועס.

— אין דײַן מישפּחה האָבן אַוודאי אַלע געקאָנט פֿײַפֿן. זיי לעבן? — האָט חיים־ייִדל געפֿרעגט.

— ניין, מײַן פֿרײַנד.

„מײַן פֿרײַנד" . . .

חיים־ייִדל האָט דערפֿילט אַ נאָענטקייט און אַ מאָדנע וואַרעמקייט אינעם האַרץ. עפּעס־וואָס האָט אים שוין איצט פֿאַרבונדן מיטן פּײַפֿער: דעם פּײַפֿערס מישפּחה לעבט אויך נישט. ס'איז אַ בשותּפֿותדיקע איינזאַמקייט. איין מישפּחה. האָט ער דרייסטער געפֿרעגט:

— מסתּמא אַ שווערע זאַך, דאָס פּײַפֿן . . . אין דער היים ביסטו אַוודאי אַרויסגעטרעטן מיט פּײַף־קאָנצערטן?

— קאָנצערטן? יאָ, מײַן פֿרײַנד. אין אַלע הויפּטשטעט פֿון אייראָפּע בין איך אַרויסגעטרעטן מיט קאָנצערטן. אָבער דעמאָלט האָב איך נישט געפּײַפֿט. איך האָב געשפּילט פֿידל.

די צוויי שיסעלעך זענען געלעגן לעבן זײַן זײַט. חיים־ייִדל האָט אויף זיי געקוקט. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט: איינס איז פֿול מיט אַ געווייִנלעכער פּראָציע זופּ, אַזעלכע ווי אַלע קריגן, נאָר דאָס צווייטע, מיט די עמאַל־פֿלעקן, איז פֿול מיט דער ריכטיקער פּאָרציע. בלויז געדיכטס. פֿול ביז צום ראַנד.

— לערן מיך אויס פּײַפֿן — —

די ווערטער האָבן זיך מיט אַ מאָל אַרויסגעריסן פֿון חיים־ייִדלס האַלדז. דאָס וואָס ער האָט מיט אַ מינוט פֿריִער נישט געוואוסט ווי אַזוי ער זאָל עס זאָגן, מיט סאַרע ווערטער ער זאָל עס אָנקליידן, האָט זיך פּלוצלונג איצט אַ ריס געטאָן פֿון זײַן האַלדז מיט די סאַמע פּשוטסטע ווערטער: „לערן מיך אויס פּײַפֿן . . ."

חיים־ייִדל האָט זיך אין דער ערשטער רגע דערשראָקן, ער האָט מורא געהאַט אַז ער האָט געמאַכט אַ פֿעלער. ער האָט דאָס צו־שנעל און דראַסטיש אַרויסגערעדט, אָן דער צוגרייטונג ווי עס איז דער מינהג צווישן סוחרים בשעת איינער וויִל בײַם צווייטן אַרויסנאַרן אַ קוראַנט שטיקל סחורה. אָבער נאָך מער האָט חיים־ייִדל זיך געוואונדערט וואָס אויף דעם פּײַפֿער האָבן זײַנע ווערטער לגמרי נישט געמאַכט אַזאַ אײַנדרוק ווי ער האָט זיך דאָס פֿאָרגעשטעלט. יענער האָט רויִק, מיט אַ ווייכער, וואַרעמער שטימע געענטפֿערט:

— טרעיִנינג, מײַן פֿרײַנד, נישט מער ווי טרעיִנינג.

חיים־ייִדל האָט פֿאַרשטאַנען אַז מיט די ווערטער וויל זיך דער פּײַפֿער אַרויסדרייען פֿון אים. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג. יענער מאַכט עס נאָר אויף אַן איידעלן אופֿן. מען זעט אַז ער שטאַמט פֿון אַ זײַדענעם אָפּשטאַם. נאָר אויף דעם זעלבן איידעלן אופֿן וויל יענער פֿון אים אויך פּטור וועִרן. אין האַרצן האָט ער אויף אים נישט געהאַט קיין פֿאַראיבל. ער האָט אים פֿאַרשטאַנען. ער איז מיט אים מסכּים געווען. נאָר גלײַכצײַטיק האָט ער אים

געוואַלט איבערצײַגן אַז ער, חיים־ייִדל, האָט באמת נישט בדעה אים מסיג־גבֿול צו זײַן.

— איך שווער דיר! איך פֿאַרזיכער דיר בײַ אַלע הייליקייטן, אַזוי זאָל איך דערלעבן צו זען מײַן ווײַב און קינד, אַז איך וועל נישט פֿײַפֿן דאָ אין בלאָק! איך וועל אַרויסגיין פֿײַפֿן אין אַנדערע בלאָקן!

טרערן זענען געשטאַנען אין חיים־ייִדלס אויגן. ס'האָט אים פֿאַרשטיקט אין האַלדז. ער האָט פּלוצלונג אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דעם פֿײַפֿערס פּיס. ער האָט זיי אַרומגעכאַפּט מיט די הענט און אין זיי אַרײַנגעכליפּעט:

— לערן מיך פֿײַפֿן. איך וויל לעבן! אפֿשר וועל איך נאָך קאָנען אַ מאָל האַלטן מײַן קליינטשיק, פּיצל קינד אין מײַנע הענט! בעלאַ! בעלאַשי! וועסט זען דער טאַטע וועט זיך אויסלערנען פֿײַפֿן!...

3

חיים־ייִדל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַנג: צו וואָס אייגנטלעך גייט ער איצט אַרויף צו דער לאַטרינע? — האָט ער זיך געפֿרעגט.

ס'איז געווען די ערשטע העלפֿט פֿון טאָג. טויזנטער אַזעלכע ווי ער האָבן זיך לעבן אים פֿאַרבײַגעשלעפּט. דער וועג איז געווען פֿול מיט זיי. אַ ווימל־דיקע מאַסע. איינער גלײַך צום אַנדערן, ווי וואַנדערנדיק זאַמד אין אַ מידבר. וואָס וועט ער אַרויפֿגיין צו דער לאַטרינע אַז ער האָט נישט מיט וואָס צו האַנדלען? ער האָט נישט וואָס צו פֿאַרקויפֿן און האָט נישט מיט וואָס צו קויפֿן. זײַן לעבן שלעפּט זיך אים נאָך אויפֿן אוישוויצער הינטער־וועג, נאַקעט און אויסגעטרוקנט, אָנוווערטיק.

ער האָט שוין אַלץ געפּרוווט טאָן אין לאַגער: ער האָט שוין צוגעהאָלפֿן וואַשן העמדער פֿאַר שטובן־עלטסטע, באַדינט רײַכע פּראָמינענטן, געפּוצט, געקערט, געוואַשן טעלער, — נאָר שטענדיק, אָנשטאָט אַ באַלוינונג, האָט ער געקריגן אַ קאַפּע. אַז ער האָט זיך אָנגעבאָטן אויסצופּירן די אַרבעט, האָט יענער מסכּים געווען. יאָ, פֿאַר וואָס נישט? ביטע זייער. אָבער דערנאָך, בײַם באַצאָלן, האָט ער באַקומען אַ זעץ איבערן קאָפּ פֿון פֿונקציע־אייגנטימער. צום פֿאַרדינסט זענען פֿאַראַן בילכערע, וואָס זענען געקומען פֿאַר אים. אַלע פֿונקציעס באַזעצט.

מיט וואָס וועט ער האַנדלען אַז ער האָט נישט וואָס צו פֿאַרקויפֿן? אַז ער גופֿא איז אָנוווערטיק? אַ סך הימל איז דאָ פֿאַראַן. אַ סך בלאָקן. סלופּעס לעבן די שטעכל־דראָטן. רויך פֿון קרעמאַטאָריום, — און שוין. מער גאָר־נישט. ווײַזט אויס אַז דער „פֿײַפֿער" איז אַן אָרנטלעכער מענטש. מען דער־קאָנט עס באַלד. אַ זײַדענע אָפּשטאַמונג. ער האָט אים באמת געוואָלט העלפֿן.

ער האָט זיך געשלעפּט לענגאויס די בלאָקן.

אויפֿן פּלאַץ, הינטערן בלאָק 1, האָבן די גריכן זיך געבאָקסט. געאיבט זיך און צוגעגרייט נײַע נומערן. סאַלאָניקער ייִדישע בחורים. ייִדישע קינדער. ווער וואָלט עס געגלייבט, — טראַכט חיים־ייִדל, — אַז אַזעלכע זענען ייִדן?

ער האָט ערשט געדאַרפֿט קומען קיין אוישוויץ כּדי געוואויר צו ווערן אַז אַזעלכע שוואַרצע, אָפּגעברענטע פּנימער מיט אַזעלכע אויסגעמוסקולירטע הענט און פֿיס זענען זײַנע ברידער, פֿלייש פֿון זײַן פֿלייש און בלוט פֿון זײַן בלוט. און כאָטש זיי ווייסן נישט קיין איינציק ייִדיש וואָרט אויסצו־רעדן, קומט אַרויס דער „שאַלאָם" פֿון זייער מויל ווי אַ לעבעדיקער פּסוק פֿון חומש. יעדן זונטיק שפּילן זיי אָפּ אַ „באָקס־מעטש" אויפֿן פּלאַץ לעבן דער קיך, ספּעציעל לכּבֿוד דעם לאַגער־עלטסטן און זײַן סוויטע. די באָקסערס איצט מאַכן זיי איבונגען.

שמואליק, דער מאַגאַזינער פֿון ברויט־לאַגער, שטייט אויף דער שוועל פֿון מאַגאַזין־בלאָק, קוקט און שעפּט נחת. פּלוצלונג דרייט זיך שמואליק אויס, פֿאַרשווינדט אין דער טונקלקייט פֿון מאַגאַזין, באַווײַזט זיך באַלד ווידער, און וואַרפֿט זיי צו פֿון ביידע הענט אַרויס צוויי לאַנגע ברייטלעך, ווי מען וואַרפֿט בלומען אויף אַן אַרענע. די באָקסערס, וואָס זענען ראַנגלענ־דיק געווען פֿאַרפֿלאָכטן איינער אינעם לײַב פֿון אַנדערן, טיילן זיך פֿונאַנדער כּהרף־עין, רײַסן איבער דעם געראַנגל, כאַפּן די צוויי ברייטלעך פֿון דער ערד, שמייכלען מיט ווײַסע ציין צו שמואליקן, זאָגן עפּעס מיט אַ הייזעריק קול אויף גריכיש, און פֿאַרשווינדן. אויס באָקסן־זיך.

איצט ערשט כאַפּט חיים־ייִדל דעם שׂכל: נישט אומזיסט האָבן זיי זיך אָוועקגעשטעלט מאַכן איבונגען דאָ, הינטערן בלאָק 1, וואו עס געפֿינט זיך דער פּראָדוקטן־מאַגאַזין. ייִדישע קינדער. וואָס ווילן זיי דען? לעבן ווילן זיי!

גריכנלאַנד. אומעטום זענען פֿאַראַן ייִדן. קיין מאָל האָט ער נישט גע־וואוסט אַז אין גריכנלאַנד קוקן די ייִדן אויס אַזוי גוייִש. ייִדישע קינדער. אָט האָבן זיי זיך אויסגעזוכט אַ פּרנסה: באָקסן איינער דעם צווייטן, און מאַכן דערפֿון אַ לעבן. קיין איינער פֿון זיי איז נישט קיין שטובן־דינסט. קיין איינער פֿון זיי איז נישט קיין בלאָק־עלטסטער. כאָטש מיטן קלענסטן פֿינגערל פֿון איין האַנט וואָלט אַזאַ איינער געקאָנט אָוועקלייגן פּרוכטנ־בוימען. פּרוכטנבוים איז דאָך אַפֿילו נישט ווערט צו זײַן די כּפּרה פֿאַר דעם מינדסטן נעגעלע פֿון אַזאַ איינעם. „שאַלאָם"! — קיין איין ייִדיש וואָרט קאָנען זיי נישט אַרויסזאָגן, אָבער „שאַלאָם" זאָגן זיי פֿונדעסטוועגן פֿאַרט צו די ייִדן אין בלאָק. אָפּט מאָל דעמאָנסטרירן זיי זייער ייִדישקייט דערמיט וואָס בשעת שמואליק וואַרפֿט זיי צו אַ ברויט, ווײַזן זיי אַז זיי קאָנען אויך זאָגן „המוציא" פֿאַרן אַרײַנבײַסן די ווײַסע ציין אין ברויט. פּרוכטנבוים. ימח שמו וזכרו! דער קצבֿ!... דער מערדער!...

חיים־ייִדל דרייט זיך אויס. ער גייט צוריק, וועג־אַרויף, צום לאַגער. נאָר דער געדאַנק לאָזט אים נישט אָפּ: צוויי ברויט! צוויי גאַנצע, לאַנגע ברייטלעך! ווען ער וואָלט געקאָנט זייער שפּראַך, וואָלט ער מיט זיי גערעדט וועגן דער זאַך. דאָס גוטסקייט קוקט אַרויס פֿון זייערע אויגן. אפֿשר ברויכן

זיי מען זאָל זיי אַ העמד אויסוואַשן? כאָטש ער זעט נישט זיי זאָלן אַ מאָל טראָגן אַ רעקל אָדער אַ העמד אויפֿן לײַב. גאָרנישט. בלויז הויזן. נאַקעטע פּלײצעס און ברוסטן. ריזן. אָפּגעברענטע, ברוינע לײַבער. אַזאַ איינער, טראַכט חיים־ייִדל, וואָלט אים נישט קיין שלעכטס געטאָן. ער וואָלט זיך אויס־געלערנט באָקסן. אַלץ קאָן מען זיך אויסלערנען. ער האָט דאָך צײַט. ער וואָלט זיך אויסגעטאָן די מאַרינאַרקע, אַוועקגעזעצט זיך אויף דער זון און אָפּגעברענט זיך דאָס לײַב. ווען ער שלינגט אַראָפּ מיט איין מאָל אַזאַ ברייטל, וואָלט ער געהאַט כּוח. אַז מען עסט, קאָן מען קריגן אַזעלכע פּלײצעס. זיי וואָלטן אים נישט קיין שלעכטס געטאָן. ער וואָלט זיך געבאָקסט מיט זיי צוזאַמען. געגעסן מיט זיי צוזאַמען. וואָס קאָן עס זיי שאַטן אַז שמואליק וועט אַרויסוואַרפֿן נאָך אַ ברייטל? נאָר אַזאַ זאַך דאַרף מען זיי קאָנען געבן צו פֿאַרשטיין אויף פּראָסטן, פּשוטן ייִדיש. „שאַלאָם!‟ — מער קאָנען זיי אַ וואָרט נישט אויסרעדן.

לעבן די שטעכל־דראָטן האָבן צוויי עלעקטריקער מיט צווענגלעך אין די הענט אויסגעפּרוּווט צי דער שטראָם פֿונקציאָנירט אין די דראָטן. חיים־ייִדל קוקט צו זיי: יעדער געפֿינט זיך דאָ אַ פֿונקציע. זיי רעדן דאָרט צווישן זיך געמיטלעך, גייען זיך געלאַסן ווי שפּאַצירנדיקע זומערצײַט אין אַ וועלדל. בייגן זיך פֿון צײַט צו צײַט אַראָפּ קאָנטראָלירן די אונטערשטע שורות פֿון די שטעכל־דראָטן, ווי זיי וואָלטן אָפּגעריסן אַ בלימל פֿון דער ערד. אַ שווערע אַרבעט, זעסטו, אַרומצוגיין לענגאויס די דראָטן מיט אַ צווענגל אין דער האַנט און גאָרנישט מער טאָן ווי אַ צוויק מיטן צווענגל.

פּלוצלונג האָט אַ פֿאַרדרוס אין אים אַ ברי געטאָן: פֿאַר וואָס נישט ער? פֿאַר וואָס אַנדערע?... חיים־ייִדל, גאָט האָט דיך פֿאַרלאָזט!... — האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַן מויל, — חיים־ייִדל! — — — — —

נאָר ער האָט איבערגעריסן אין דער מיט. ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר די ווערטער וואָס ער לאָזט הערן אין אוישוויץ קעגן גאָט. ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט: — אוי, רבונו של עולם! שטראָף מיך נישט פֿאַר די רייד!... — האָט ער קוקנדיק צו די צוויי עלעקטריקער תּשובֿה געטאָן, — איך וויל נישט מהרהר־זײַן נאָך דײַנע מעשׂים... נאָר דערבאַרעם דיך, פֿאַרלאָז מיך אויך נישט!...

פֿון הויפּט־שאָסיי איז אָנגעקומען די לייכן־קאָמאַנדאָ מיטן וואָגן. לעבן די הינטער־טויערן פֿון די בלאָקן זענען געלעגן קופּעס סקעלעטן־ביינער, ווי אָנגעוואָרפֿענע שטיקער האָלץ הינטער דאָרף־כאַטעס וואָס פּויערים גרייטן־צו אויפֿן ווינטער צום ברענען. אַ קוכער איז צוריקגעגאַנגען פֿון דער לאַט־רינע. די אַרבל אַרויפֿגעשאַרצט. אַלץ האָט אויף אים אויסגעזען גלאַנציק און פֿעט. אויף איינעם פֿון די אַפּעל־פּלעצער האָט אַ העפֿטלינג געוואַשן ספּאָרט־שקאַרפּעטקעס אין אַ גרויסער שיסל. פֿונקציעס. פֿונקציעס. אָן אַ שיעור פֿונקציעס. העפֿטלינגס האָבן זיך געשלעפּט אַרויף און אַראָפּ איבערן

לאַגער. פֿון אַלע ווינקלען זענען זיי געקראָכן. געקוקט ערגעץ מיט די אויגן, געקוקט, געקוקט — — — —

נאָר דעם לאַגער גופֿא האָט קיין איינער פֿון זיי נישט געזען.

„טרעינינג"... ווײַזט אויס אַז דער „פּײַפּער" האָט עס געמיינט מיטן גאַנצן האַרץ. ער האָט אים באמת געוואָלט העלפֿן. „טרעינינג, נאָר טרעינינג!..." די מויל־ביינער האָבן אים אַזש געשניטן פֿון ווייטיק און קיין איין פּײַף איז נישט אַרויסגעקומען. און וואָס איז דער חידוש? אַז ער האָט אין זײַן לעבן קיין מאָל נישט געפּײַפּט. שקצים האָבן געפּײַפּט. נאָר זיי האָט מען נישט געשיקט קיין אוישוויץ. ער האָט געמיינט אַז פּײַפֿן איז אַ לײַכטע זאַך. וואָס קאָן ער זיך דען פֿאַרוואַרפֿן? אין אַלע ווינקלען פֿון לאַגער איז ער געשטאַנען און געפּרוּווט זיך אויסלערנען פּײַפֿן. ס׳גאַנצע לײַב און לעבן האָט ער פֿון זיך אַרויסגעבלאָזן. ער האָט געפֿילט אַז אינעווייניק אין אים ווערט אַלץ אויסגעליידיקט, ווי אַ ליידיק, אויסגעבלאָזן איי. „טרעינינג..." ער האָט געוואָלט. וואָס האָט ער געקענט מער טאָן? דעם „פּײַפּער" איז געשען אַ גליק אין לאַגער. אַ גליקלעכער מענטש! ס׳אַ מזל־זאַך, און פּטור.

הינטערן בלאָק 10 האָבן זיך העפּטלינגס געפּאָרעט אַרום ברעטער פֿון פּריטשעס: זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פֿון בלאָק גאַנצע פּריטשעס און צענומען אויף ברעטער. חיים־ייִדל האָט זיך אַוועקגעשטעלט. ער האָט באַלד דערקאָנט אַז דאָס איז נישט קיין אויפֿגעצוואונגענע אַרבעט. ס׳איז לעבן זיי נישט געשטאַנען קיין קאַפּאָ מיט אַ שטעקן, און עס האָט זיי קיינער נישט געשלאָגן. אויב אַזוי, גייט־אויף צו חיים־ייִדלס נאָז, איז דאָ פֿאַראַן עפּעס צו פֿאַרדינען. די העפּטלינגס זענען געלאָפֿן בלאָקן־אַרײַן, בלאָק־אַרויס. דערנעבן האָט איינער געמאַכט פּלענער אין דער לופֿט מיט די הענט, אילוסטרירט פֿאַר אַ צווייטן ווי אַזוי אויפֿצובויען פֿון די ברעטער דאָס וואָס ער פֿאַרלאַנגט. עס האָט אויסגעקוקט ווי ייִדן, שכנים פֿון איין הויף, קלײַבן זיך אויפֿצושטעלן בשותּפֿות אַ סוכּה.

חיים־ייִדל האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן. ער האָט דערפֿילט אַ פֿיבער אין די גלידער: וואָס ווערט דאָ געשאַפֿן?

לעבן עק פֿון בלאָק איז געשטאַנען אַ העפּטלינג, אָנגעלענט מיטן אַקסל אויף דער וואַנט און זיך שווײַגנדיק צוגעקוקט. חיים־ייִדל איז צו אים צוגעגאַנגען:

— וואָס מאַכן זיי?

— אַ בינע, — האָט יענער געענטפֿערט.

— אַ בינע... אַ בינע... — האָבן חיים־ייִדלס ליפּן געשמאַטשקעט דאָס וואָרט, ווי איינער וואָס וויל דערגיין דעם טעם פֿון אַ פֿרעמדן מאכל. וואָס רעדט דער מענטש? חיים־ייִדל האָט נישט תּופֿס געווען.

— וואָס הייסט?... וואָס מיינט עס?... — האָט חיים־ייִדל בײַ אים געבעטן אַ פּירוש.

דער העפּטלינג האָט זיך נישט אויסגעדרייט. וויַטער געשטאַנען אין דער זעלבער פּאָזע, און אָט אַזוי, קוקנדיק ווי עס גייט־אָן די אַרבעט אַרום די ברעטער, האָט זײַן מויל, נישט הייבנדיק אָדער נידערנדיק דעם טאָן, גע־ענטפֿערט:

— ס'וועט הײַנט אין אָוונט זײַן אַ טעאַטער אין בלאָק 10... זיי וועלן שפּילן טעאַטער... אין בלאָק 10 זענען פֿאַראַן אַ סך אַרטיסטן... זיי שאַפֿן איצט אַ טעאַטער אין לאַגער...

דער העפּטלינג האָט געציילט די ווערטער פֿון מויל ווי גאָלדענע רענד־לעך: „טעאַטער" און „אַרטיסטן" „אַרטיסטן" און „טעאַטער". ווי ער וואָלט געהאַט אַ ספּעציעלע הנאה זיך צו דרייען אַרום די צוויי ווערטער.

אין חיים־ייִדלס מוח האָט זיך געקאָכט און געבלעזלט: מ'גייט שאַפֿן אַ טעאַטער! אַ נײַע זאַך! אָט שטייט ער איצט בײַם געבורט פֿון אַ נײַער פֿונקציע! טעאַטער! טעאַטער! — — — —

„חיים־ייִדעלע, עס האָט צעשניטן דאָס האַרץ..." — האָט זײַן מאַמע דערנאָך צו אים געזאָגט אין דער היים. זי האָט אים געקושט אויפֿן קאָפּ מיט אויסגעוויינטע אויגן.

דאָס איז געווען חנוכּה־צײַט. קליינערהייט. ער האָט געלערנט אין חדר, און אָנטייל גענומען אינעם שפּיל: „יוסף אין גרוב".

„חיים־ייִדעלע, ס'האָט צעשניטן דאָס האַרץ..."

אַ גאַנץ לעבן האָט ער אין דעם נישט געדענקט. דווקא איצט, אין אויש־וויץ, האָט ער זיך אין דעם דערמאָנט. טעאַטער. מ'גייט שפּילן טעאַטער.

איינער איז אַרויסגעקומען פֿון בלאָק. געסודעט זיך מיטן אַרבעט־אויפֿזעער. געמאַכט מיט דער האַנט פֿאַרשידענע פֿיגורן אין דער לופֿט. דער העפּטלינג לעבן חיים־ייִדלען האָט נישט אַראָפּגענומען פֿון דעם אַלעם די אויגן. געקוקט און גערעדט, גערעדט און געקוקט. ס'וואָלט קיינער נישט געקענט זאָגן צי רעדט ער איצט צו חיים־ייִדלען אָדער צו זיך. די ווערטער האָבן זיך געצויגן פֿון זײַן מויל נישט ווי ער וואָלט זיי געזאָגט, נאָר ווי עמעצער וואָס זיצט אינעווייניק אין אים וואָלט פֿון אים אַרויסגערעדט:

— דאָס איז דער רעזשיסער... געוועזענער רעזשיסער פֿון ווינער טעאַטער... ר'האָט אויפֿגעשטעלט אַ דור אַרטיסטן...

„דער רעזשיסער". חיים־ייִדלס מוח גליט: וואָס איז דאָ פֿאַראַן אַ סך צו טראַכטן? מ'דאַרף טאָן. מ'טאָר עס נישט פֿאַרזען. מיט אָט דעם „רעזשי־סער" וועט ער דאַרפֿן רעדן. קוקט־אויס צו זײַן אַ שטילער מענטש. דאָס איידל־קייט ליגט נאָך אויף זײַן סקעלעטן־פּנים. מ'דאַרף טאָן. מ'דאַרף אָנהייבן עפּעס טאָן. אָט שטייט ער איצט בײַם געבוירן־ווערן פֿון אַ נײַער פֿונקציע. פֿאַר זײַנע אויגן פּאַסירט די זאַך. ס'איז דער לעצטער שאַנס. גאָט אַליין האָט אים דאָ איצט אַהערגעשיקט. זעסט, חיים־ייִדל, האָט ער גערעדט צו זיך, מ'טאָר נישט פֿאַרלירן דעם בטחון! מ'טאָר נישט מהרהר־זײַן! אַלץ

קומט אין דער צײַט. דער רעזשיסער קוקט אויס צו זײַן אַ צוגעלאָזטער מענטש. וואָס קאָן אים שאַטן אַז נאָך אַ ייִד וועט זיך ראַטעווען? לאָמיר אָננעמען אַז ס׳וועלן זיך דרייען כּך־וכך ייִדן אַרום טעאַטער, וועט זיך דרייען נאָך איינער. וואָס קאָן אים שאַטן? אַ טעאַטער ברויכט זינגערס. אין „שטיק" פֿון „מכירת־יוסף" איז רונד־אַרום די אַרטיסטן געשטאַנען אַ כאָר פֿון משוררים און געזונגען. בערגסאָן, דער חזן, געפֿינט זיך אין בלאָק 15. צום בעסטן צוזאַמען מיט בערגסאָנען. עלעהײַ נאָך אַ ייִד וועט זיך ראַטעווען. צוזאַמען מיטן חזן וועט אים זײַן לײַכטער צו זינגען. דער עיקר: מ׳דאַרף טאָן. מ׳דאַרף שנעל טאָן. גאָט צו דאַנקען וואָס ער איז געקומען בײַ צײַטנס. די שאַלה איז נאָר, צי זאָל ער שוין, אין דער איצטיקער מינוט, צוגיין רעדן מיטן רעזשיסער, אָדער זאָל ער פֿריִער אַרײַנלויפֿן צו בערגסאָנען. אַוודאי איז בעסער צוזאַמען מיטן חזן! ס׳וועט אַנדערש קלינגען ווען בערגסאָן וועט זאָגן אַז ער איז דער געוועזענער חזן פֿון דער מעטראָפּאָליער „אַפּיקורסישער" שול.

חיים־ייִדל האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון פּלאַץ. ער איז געלאָפֿן צום בלאָק 15. אויפֿן וועג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין די קריכנדיקע מוזלמענער ווי אין שטרויכלענדיקע קעגנשטאַנדן. ער האָט געשפּירט פֿליגלען. ס׳האָט אים געטראָגן. פֿון זײַן מויל האָבן זיך געריסן ווערטער אָוועקגעשפּריצטע פֿון די גליִענדיקע געדאַנקען אין זײַן קאָפּ:

— דאָס איז נישט סתּם עפּעס אַ משורר. דאָס איז אַ חזן. אַן עכטער חזן. דער חזן פֿון דער „אַפּיקורסישער" שול.

4

בערגסאָן, דער חזן, איז געלעגן אויף דער פּריטש. ער האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגער, געלער שטרוי וואָס די קערנער זענען פֿון אים שוין לאַנג געוואָרן אַרויסגעקלאַפּט.

אין מעטראָפּאָלי איז בערגסאָן געווען חזן אין דער „אַפּיקורסישער" שול. און כאָטש אַליין אַ חסיד בן־חסידים פֿון ריזשין, האָבן פֿאָרט די בעלי־בתּים, שונאים פֿון חסידים, אים אויסגעקליבן ווי זייער חזן צוליב זײַן שיינעם, הויכן וואוקס. בערגסאָן איז געווען איבער זעקס פֿוס הויך, און מחמת דעם צילינדער, האָט ער אויסגעקוקט נאָך העכער. זײַן מאַכון־קאָליר בערדל האָט ער געקעמט אַלאַ פֿראַנץ־יאָזעף. דאָס זויבערקייט האָט אַרויסגעשמעקט סײַ פֿון אים און סײַ פֿון זײַן קליידונג. תּמיד אַן אויסגעקעכלטער, מיט געלאַסענע, מאַיעסטעטישע טריט, פֿלעגט ער שפּאַצירן אין זײַנע ווײַכע, גע־נעם שיך איבער דער מעטראָפּאָליער פּראָמענאַדע מיט אַן אַרויפֿגעהויבע־ ווי קאָפּ ווי אַ זשיראַף. די באַלעבאַטים האָבן שטאָלצירט מיט זייער חזן ווי מיט זייערס אַ פּערזענלעכער צירונג: „אַ קייזערלעכע פֿיגור!" — האָבן סײַ פֿרויען און סײַ מענער אַרויסדעקלאַמירט די צוויי נאָבעלע ווערטער.

יענע וואָס האָבן תּחילת געפֿונען אין בערגסאָנען אַ פּסול צוליב זײַן שײַכות צו חסידות, האָבן פֿונדעסטוועגן דערנאָך געענדערט זייער מיינונג. פֿאַרקערט, די חסידישע אַפּשטאַמונג האָט בערגסאָנען צוגעגעבן אַ מיסטישן חן.

איצט האָט בערגסאָן אויסגעזען ווי אַ לאַנגע, געלע שטרוי. זײַנע צוויי לאַנגע פֿוס־ביינער האָבן אַרויסגעשטעקט נאַקעטע פֿון די קורצע הויזן און האָבן דערגרייכט אַ שטיק ווײַטער איבערן האָלץ פֿון דער פּריטש. זײַן האַלדז איז געווען אויסערגעוויינלעך לאַנג, נאַקעט, ווי אַן אויסגעפֿעדערטער האַלדז פֿון אַן אויסגעדאַרטן גאַנער. אין דער הייך, פֿון האַלדז, האָט אַראָפּ־געהאָנגען אַ שטיקל אויסגעפּלאַטשטער קאָפּ ווי אַ שטיקל אויסגעדריוולטע פּאַן־לײַוונט פֿון אַ הויכן שטעקן. די הויזן זענען אויף אים געווען געוואַלדיק קורץ, סײַ פֿון אונטן, סײַ פֿון אויבן. דאָס רעקל האָט געהאָנגען אויף זײַן אַקסל ווי אַ קורצע באַלראַ, און וויפֿל ער האָט זיך אַלץ נישט באַמיט אַרויפֿצוציִען די הויזן, האָבן זיי אַלץ נישט דערגרייכט צום קורצן רעקל און נישט צוגעדעקט דאָס נאַקעטע, געלע לײַב פֿון בויך. נאָך אַ קורצער צײַט האָט בערגסאָן רעזיגנירט. ער האָט אויפֿגעהערט ציִען די הויזן, און געלאָזט אַז הונגער און קעלט זאָלן טאָג און נאַכט זייגן פֿון זײַן „קייזערלעכער פֿיגור".

אַז חיים־ייִדל איז צוגעקומען צו דער פּריטש, האָט בערגסאָן געדרימלט ווי אַן אויסגעשפּיגענער האָלץ־שפּאָן אויפֿן ברעג פֿון ים.

חיים־ייִדל איז תּמיד געווען אַ נידעריק־געוויקסיקער. נאָר איצט, זיצנ־דיק צו פֿוסנס פֿון בערגסאָנען, האָט ער אויסגעזען ווי אַ ליליפּוטל וואָס רײַט אויף אַ לאַנג ברעט.

— בערגסאָן! בערגסאָן! — האָט חיים־ייִדל אים געוועקט, — מיר זענען געוואָרן אויפֿגעריכט! מ'דאַרף זינגער אין בלאָק 10!...

דער לאַנגער ברעט האָט זיך נישט גערירט. בערגסאָנס געל־פֿאַרגאָסענע אויגן האָבן צו אים געקוקט ווי פֿון ווײַטע, פֿרעמדע ברעגן.

— בערגסאָן! — האָט חיים־ייִדל אים געמונטערט, — בערגסאָן, קום! כּל־זמן עס וועט נישט זײַן צו שפּעט! יעדן טאָג צוויי זופּן!... איינע בײַ דיר אין בלאָק און די צווייטע אין בלאָק 10! דו הערסט מיך, בערגסאָן?!

אין בערגסאָנס קאָפּ איז שוין אַלץ געווען אויסגעטרוקנט. פֿאַרקאַלכט. ער האָט שוין קיין זאַך מער נישט קלאָר באַנומען. נאָר דאָס וואָרט „זופּ", האָט נאָך אָפּגעהילכט אין זײַנע געהירן ווי אַן עכאָ פֿון אַ זאַך צו וואָס ער גייט שטענדיק אַקעגן מיט לאַנגע, נאַקעטע פֿיס בשעת זײַנע דרימלונגען.

חיים־ייִדל האָט בערגסאָנען אַראָפּגעשלעפּט פֿון דער פּריטש און ווי עס שלעפּט אַ מוראַשקע אַ קעגנשטאַנד וואָס איז פֿילפֿאַכיק גרעסער פֿון איר.

## 5

נאָך אַ לאַנג וואַרטעניש און מי איז חיים־ייִדלען געלונגען צו פֿאַרהאַלטן

דעם רעזשיסער אין אַ ווינקל פֿון בלאָק 10. חיים־ייִדל האָט געפֿירט בערגסאָנען בײַ דער האַנט. פֿאַר צוקוקנדיקע האָט עס געקאָנט אויסזען אַז בערגסאָן פֿירט אַ קליין ייִנגל בײַ דער האַנט. נאָר אין אמתן האָט טאַקע חיים־ייִדל איצט געהאַלטן בערגסאָנען ווי מען האַלט אַ קליין קינד עס זאָל נישט פֿאַרלוירן־גיין בשעת אַ גרויסן געדראַנג.

קוקנדיק אויפֿן רעזשיסער האָט חיים־ייִדל געוואוסט אַז דאָ איז נישטאָ קיין סך צײַט צו שפּילן זיך מיט ווערטער. אַ פֿרעמדער כּוח איז אין אים אויפֿגעגאַנגען. ער האָט געזאָגט קורץ און דײַטלעך:

— הער רעזשיסער, נעמט אונדז אַרײַן אין טעאַטער!

— ליידער, מײַנע ליבע קאָלעגן, ס'איז אַן איבערפֿלוס אין אַרטיסטן. אַלע ראָלן זענען באַזעצט, באַזעצט איבערן קאָפּ, — האָט דער רעזשיסער געענטפֿערט ווי אַ באַשעפֿטיקטער מענטש. ער האָט געגלייבט אַז דערמיט איז דער ענין געענדיקט. ער האָט געוואָלט לויפֿן ווײַטער.

— הער רעזשיסער, — האָט חיים־ייִדל אים פֿאַרשטעלט דעם וועג, — דאָס איז בײַ אונדז אַ לעבנספֿראַגע! הער רעזשיסער...

— אוממעגלעך, אוממעגלעך!... — האָט דעם רעזשיסערס פּנים אויסגעדריקט צער, ווי ער וואָלט געליטן פֿון אַ שטאַרקן ציין־ווייטיק — אוממעגלעך!...

— איר זענט דאָך אַ ייִד! — האָט זיך חיים־ייִדל געבעטן — איך וויל לעבן!... וואָס קאָן דאָס אײַך שאַטן אַז איך וועל מיך ראַטעווען? דאָס איז מײַן לעצטער שאַנס. צו עפּעס אַנדערש קאָן איך מיך נישט נעמען. ראַטעוועט מיך!...

אין בלאָק 10 איז געווען אַ האַרמידער ווי אויף אַ יריד. אויף אַ געוויסן אָרט איז געווען טונקל, און אויף אַן אַנדערן אָרט איז געווען ליכטיק. אַרטיסטן זענען אַרומגעלאָפֿן באַשעפֿטיקטע. געגרייט זיך. טייל האָבן זיך געדרייט לעבן די פֿינצטערע ווענט פֿון בלאָק און גערעדט צו זיך שטילערהייט מאָדנע ווערטער, און געמאַכט מאָדנע העוויות.

דער רעזשיסער האָט זיך געדרייט און געבויגן אַהער און אַהין, געבראָכן די הענט ווי עס וואָלט אים באמת וויי געטאָן. ער האָט גערעדט אַ מין טיפֿן דײַטש וואָס חיים־ייִדל האָט קוים פֿאַרשטאַנען:

— מײַנע פֿרײַנד, וואָס זאָל איך דען מאַכן? מיר זענען אַלע אין אַ גרויסער צרה, קוקט, — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פֿינגער צו אַ פּריטש וואָס איז געווען פֿאַרשטעקט אין דער טונקלקייט, — אָט דאָרט ליגן די געניאַלסטע אַרטיסטן פֿון דער אייראָפּעיִשער בינע. דער פּראַכט פֿון דער טעאַטער־וועלט. אָט אויף יענער פּריטשע ליגט מער טעאַטער־קולטור ווי אויף אַ גאַנצן ערד־טייל. וועלכן ערד־טייל איר ווילט, איר הערט? וועלכן איר ווילט! געניאַליטעט און קולטור! מײַנע ליבע פֿרײַנד, איך ברויך אײַך דען דערציילן?...

— הער רעזשיסער, — האָט חיים־ייִדל גערעדט מיט אַ נאַסער טרערנ־דיקער שטימע, — אין אײַער האַנט ליגט דאָס לעבן פֿון אַ מענטש. אַ מענטש איז אַ גאַנצע וועלט. ס'איז מײַן לעצטער אָנלען. שיקט מיך נישט מיט דער סעלעקציע! דערבאַרעמט אײַך, שיקט מיך נישט אין קרעמאַטאָריום! אײַער גאַנץ לעבן וועט איר קאָנען זאָגן אַז איר האָט געראַטעוועט אַ מענטש. דער־באַרעמט אײַך...

דאָס פּנים פֿון רעזשיסער איז פּלוצלונג געוואָרן וואַקסיק־געל ווי דאָס פּנים פֿון אַ מת. דערנאָך האָט דאָס מויל זיך בײַ אים געעפֿנט ווי צו שעפּן לופֿט. פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן ציטערן. הענט און פֿיס האָבן זיך בײַ אים געוואָרפֿן ווי אין שווערע קראַמפֿן. די ווערטער האָבן זיך שטאַמלענדיק געריסן פֿון זײַנע פֿאַרקלאַפּטע ציין:

— אויף מײַן געוויסן?... אויף מײַן געוויסן?... ווי וואַגט איר אַרויפֿ־צולייגן אויף מײַן געוויסן אַזאַ זאַך?! איך בין אַכט און פֿופֿציק יאָר אַלט... מײַן געוויסן ווילט איר באַשווערן!...

— צו וועמען דען זאָל איך מיך ווענדן? און ווער דען אויב נישט איר קאָן מיך איצט ראַטעווען? האָט חיים־ייִדל גערעדט מיט אַ צער. ער האָט איצט באמת רחמנות געהאַט אויפֿן רעזשיסער.

— פֿאַר וואָס האָבן אַנדערע קאָלעגן פֿאַרשטאַנען מײַן לאַגע? פֿאַר וואָס באַשווערן אַנדערע נישט מײַן געוויסן?...

— אַנדערע האָבן אפֿשר נאָך כּוח צו וואַרטן. איך בין שוין בײַם סוף פֿון אַלע מײַנע האָפֿענונגען. נאָר טעאַטער קאָן מיך נאָך ראַטעווען. טעאַטער איז דאָס איינציקע. גאָט האָט מיך געהאַלטן ביז יעצט, ביז עס וועט זיך שאַפֿן אַ טעאַטער. דאָס איז דאָס לעצטע און דאָס איינציקע אויף וואָס איך האָב געוואַרט. ראַטעוועט מיך! רעזשיסער, ראַטעווט מיך!...

דער רעזשיסער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער איז געווען מאַכטלאָז אַקעגן דעם פּלאַן פֿון אַ טעאַטער־מענטש צו דער בינע, וואָס אפֿילו אוישוויץ איז נישט אומשטאַנד אויסצולעשן.

— אין וועלכן טעאַטער האָט איר געשפּילט? — האָט ער געפֿרעגט.

חיים־ייִדל האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף בערגסאָנען:

— מיר זענען זינגערס.

בײַם רעזשיסער האָבן זיך אַרויסגעבלאָזן צוויי גרויסע אויגן. עס האָט זיך אים געגלוסט צו וויינען. ער האָט אויפֿסנײַ אָנגעהויבן ברעכן מיט די הענט:

— אָבער מײַנע פֿרײַנד: אַן אירטום! אַן אירטום! מיר שפּילן דאָך ד־ר־אַ־מ־ע!... דראַמע אָן ווערטער. מימיק! פּאַנטאָמימע! אַך, מײַן גאָט!...

דאָס פּנים פֿון רעזשיסער איז געווען אויסגעקרומט ווי אין אַ היסטעריש געוויין. ער איז אַנטלאָפֿן אַרויף אין דער טונקלקייט פֿון בלאָק, און געקלאַפּט

אויפֿן [illegible] אַ גרויס
אומגליק וואָלט אים דאָ פּלוצלונג געטראָפֿן.

במשך דער גאַנצער צײַט איז בערגסאָן געשטאַנען ווי אַ דראָנג מיט וועלכן מען נעמט אַראָפּ אויפֿגעהאָנגענע מלבושים אין אַ קאָנפֿעקציע־געשעפֿט: הערט נישט, זעט נישט, ווייסט גאָרנישט, נאָר שטייט אין אַ זײַט מיט דער גאַנצער דראָנגישער לענג, און וואַרט מען זאָל זיך באַניצן מיט אים. איצט איז דאָ מער נישט געווען וואָס צו טאָן. דער רעזשיסער האָט זיי געלאָזט שטיין און איז אַנטלאָפֿן.

אין דרויסן איז דער הימל געווען ווײַס און טריב. העפֿטלינגס האָבן פֿונאַנדערגעלייגט ברעטער. מען מאַכט אַ בינע.

אין חיים־ייִדלס קאָפּ האָבן די געדאַנקען זיך אַ לאָז געטאָן ווי אין אַ צעבראָכענעם זייגערל־מעכאַניזם בשעת די רעדלעך לויפֿן־אָפּ מיט איין מאָל, אָן אָפּהאַלט.

בערגסאָן איז געגאַנגען לעבן אים. זיי האָבן געשוויגן. בערגסאָנס לאַנגע, נאַקעטע פֿיס האָבן זיך פֿון זיך זעלבסט דערווײַטערט. סתם, אָן ציל, און אָן אַפֿילו צו וויסן דערפֿון, אַן אויסגעריסענער, נאַקעטער בוים, אָן צווײַגן, אָן וואָרצלען, טראָגט זיך ערגעץ וואוהין דער שטורעם הייבט אים.

חיים־ייִדל האָט נישט געפּרואווט אים צוריקצוהאַלטן. אַלץ אין אים האָט זיך געבונטעוועט:

— „אַ דראַמע...״ — האָט ער געטענהט אויפֿן קול, — זיי שפּילן דראַמע! איז וואָס?!... וואָס וואָלט דעם „יעקע״ געאַרט אַז נאָך צוויי ייִדן וואָלטן זיך געראַטעוועט? און וואָס וואָלט אים געשאַט ווען ער שפּילט אַ דראַמע מיט ווערטער? ס'מוז דען זײַן אָן ווערטער? וואו שטייט עס געשריבן אַז עס מוז זײַן מיט אַלע פּיטשעווקעס און מיט אַלע קנייטשעלעך בשעת עס האַנדלט זיך אין לעבנס־פֿראַגן? און ווען למשל מען וואָלט אין אוישוויץ געשפּילט אַ דראַמע מיט ווערטער, צי וואָלט צוליב דעם געווען אַ לאָך אין הימל? דאָס „פּובליקום״ וואָלט אפֿשר נישט געקויפֿט קיין בי־לעטן? אָבער גיי זעץ אַרויף אַ קאָפּ אויף אַן אײַנגעעקשנטן יעקע! „אָן ווערטער!״ פֿאַרקערט, — טענהט חיים־ייִדל צום אוישוויצער טאָג, — מיט ווערטער וואָלט פֿאַר אים געווען אַ סך לײַכטער צו שפּילן. ניין! — באַשליסט ער, מ'טאָר די זאַך נישט אָפּלאָזן. ס'איז אַ נײַע פֿונקציע. אַ גוטע פֿונקציע. און אַ לײַכטע פֿונקציע. מ'טאָר עס נישט אָפּלאָזן! ס'איז נאָך נישט לאַחר־יאוש, און ס'האָט אים נאָך דערווײַל קיינער נישט צוגעגרייט עפּעס אַנדערש.

דער אויסגעטרוקנטער, לאַנגער לאָקש איז געשטאַנען ווי אַן עובֿר־בטל. ווען ער וואָלט זיך כאָטש געווען אָפּגערופֿן מיט אַ וואָרט! ער וואָלט כאָטש געזאָגט אַז ער איז געווען חזן אין אַ שול! אַן אמתער חזן, נישט קיין אָפּגע־נאַרטע זאַך!

אין אָונט, באַלד נאָכן אויסטיילן די פּאַרציעס ברויט, האָט חיים־ייִדל געכאַפּט בערגסאָנען און איז מיט אים אַוועק צום בלאָק 10.

פֿון אַלע בלאָקן, פֿון אַלע זײַטן, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בלאָק־עלטסטע, סוחרים, שטובן־עלטסטע, קוכערס פֿון דער לאַגער־קיך, שרײַבערס פֿון דער שרײַב־שטובע, — די פּראָמינענטן פֿון לאַגער, געאָרעמט מיט זייערע פּיפּלען, האָבן געשטראָמט צום טעאַטער.

לעבן הינטער־טויער פֿון בלאָק 10, האָט חיים־ייִדל געטראָפֿן שטיין דעם זעלבן העפּטלינג וואָס האָט אים דער ערשטער מגלה־סוד געווען וועגן טעאַטער. יענער איז ווידער געשטאַנען אָן אָנגעלענטער מיט איין אַקסל לעבן דער וואַנט פֿון בלאָק, — די זעלבע פּאָזע ווי ער האָט אים געזען אין דער פֿרי. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער שטייט נאָך אַט אַזוי פֿון דעמאָלט אָן און קוקט.

די רויטע לעמפּלעך אויף די שטעכל־דראָטן האָבן געברענט מיט אַן אומהיימלעך ליכט. פֿון ערגעץ ווײַט איבער דער דראָטן־מויער, וואו עס געפֿינט זיך דער קרעמאַטאָריום, האָט דער ווינט אַהערגעבלאָזן אָפּגעריסענע טאַצן־קלאַנגען פֿון אַ בלאַז־אָרקעסטער. דורכן הינטער־טויער פֿון בלאָק האָבן זיך געדרייט פֿאַרפּאַרעטע אַרטיסטן אַרײַן און אַרויס, געהילפֿן זענען געלאָפֿן הין און צוריק. דער רעזשיסער איז אַרויסגעקומען אַ פֿאַרשוויצטער, אַ שטאַרק־באַשעפֿטיקטער. ער האָט באַמערקט חיים־ייִדלען שטיין מיט בערג־סאָנען, נאָר ער האָט נישט אויף זיי געלייגט קיין אַכט. ער האָט אָפּגעהאַלטן באַראָטונגען, געסודעט זיך מיט העפּטלינגס. אפֿשר־אַרטיסטן, אפֿשר פּראָיעקט־געבערס.

חיים־ייִדלס פֿיס האָבן נישט געקאָנט אײַנשטיין. ער האָט זיך געגרייט צוצוגיין צום רעזשיסער, נאָר יענער איז ווידער אַ מאָל פֿאַרשוואונדן אין בלאָק אַרײַן.

חיים־ייִדל האָט געפֿילט ווי דער טרויער נידערט אַראָפּ אויף אים און דעקט אים צו. ס׳איז אים געווען אַ גרויסער שאָד. ער האָט געזען: באַשעפֿטיק־טע לויפֿן אַרײַן און אַרויס ווי העלפֿערינס בשעתן געבורט פֿון אַ נײַ, צאַפּלדיק לעבן. ער האָט זיי מקנא געווען. אָט צוויי טריט פֿון אים געפֿינט זיך אַ „פֿונקציע״, די פֿונקציע וואָס זײַן פֿאַנטאַזיע האָט אויסגעבריט במשך דעם גאַנצן טאָג, און ער שטייט אין דרויסן, אַ פֿרעמדער.

חיים־ייִדל, בערגסאָן, דער פֿרעמדער העפּטלינג, — דרײַ צושויער, ווי קינדער לעבן אַ פּלויט פֿון אַ פֿאַרמאַכטן, שפּילנדיקן צירק.

הינטער זיי, ממש לעבן די פֿיס, איז געלעגן אַ באַרג טויטע מוזלמענער, — נאָקעטע סקעלעטן, מוזלמענער פֿון בלאָק 10. די רויטע לעמפּלעך האָבן באַלויכטן די דעכער פֿון די בלאָקן מיט אַ מיסטישן באַלאַדישן שײַן. דער שאָטן פֿון בערגסאָנס לאַנגען גוף איז געפֿאַלן אויפֿן מיטן פֿון דער בלייכער

קופּע טויטע ביינער, זיך אַריבערגעבויגן ביז אַראָפּ צום צווייטן עק פֿון דער קופּע. עס האָט אויסגעזען ווי אַ שמאָלער, שוואַרצער באַנד וואָלט אַרומגעבונדן אין דער מיט דעם באַרג טויטע מוזלמענער כּדי זיי זאָלן זיך נישט צעשיטן.

פּלוצלונג:

— וואַרט דאָ אויף מיר! איך קום באַלד צוריק. בערגסאָן! זאָלסט דיך נישט אָוועקרירן פֿון דאַנען, הערסט? ס׳וועט בלויז נעמען אַ רגע.

חיים־יידל האָט פֿון זיך אַרויסגעוואָרפֿן די ווערטער, זיך אויסגעדרייט צום אַפּעל־פּלאַץ. ער איז אַריבערגעלאָפֿן דעם הויפּט־שאָסיי, געווענדט זיך אויף רעכטס, און אַרײַן צום בלאָק 28. זײַנע אויגן האָבן געזוכט די פּריטש פֿון שילעווער רבֿ.

דער רבֿ איז געזעסן אויף דער פּריטש מיט דעם אַראָפּגעריסענעם שטיקל אַרבל פֿון דער מאַרינאַרקע אָנשטאָט אַ יאַרמעלקע אויפֿן קאָפּ, און געגעסן שטיקלעך פֿון דער פּאַרציע ברויט. די קראַנקע, שיילנדיקע הויט אויף זײַן פּנים האָט איצט שימערירט מיט פֿאַרשידענע קאָלירן ווי אַ מאָדנע מאָזאַיִק.

חיים־יידל איז צו אים צוגעפֿאַלן:

— רבי! ווינטשט מיר אָן אַז איך זאָל מצליח־זײַן! רבי! איך קאָן איצט ווערן געהאָלפֿן!... רבי!...

דער שילעווער רבֿ האָט מפֿסיק געווען דאָס קײַען דעם ביסן אין מויל. די נײַע פֿלעקן אויפֿן פּנים, דאָרט וואו די הויט האָט זיך נאָר־וואָס פֿריש אַראָפּגעשיילט, האָט איצט אויסגעזען שימלדיק־גרין. ער האָט געקוקט אויף חיים־יידלען און נישט פֿאַרשטאַנען די זאַך.

— רבי! — האָט חיים־יידל ווײַטער פֿון זיך געוואָרפֿן די ווערטער, — איך וועל אפֿשר באַקומען אַ פֿונקציע אין בלאָק 10!... יעדן טאָג אַ זופּ!... איך וועל... שפּילן טעאַטער!... רבי! ווינטשט מיר אָן!

די הענט פֿון שילעווער רבֿ האָבן זיך אויסגעצויגן אין דער לופֿט אַרײַן אַקעגנאיבער חיים־יידלס קאָפּ. אין איין האַנט איז נאָך געלעגן אַ רעשט פֿון שטיקל ברויט. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט דערלאַנגט זײַן לעצטן ביסן צו חיים־יידלען:

— אויב דיר דאַכט זיך אַז איך קאָן דיר העלפֿן, טאָ גיי, חיים־יידל, ווינטש איך דיר אָן דו זאָלסט מצליח־זײַן.

דער שילעווער רבֿ האָט קוים אַרויסגערעדט די ווערטער. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט די ברכה אים דערלאַנגט מיט די הענט.

חיים־יידל האָט אַרומגעכאַפּט די אויסגעדאַרטע, נאַקעטע פּיס פֿון שילעווער רבֿ. ער האָט אַראָפּגעלאָזט צו זיי דעם קאָפּ און אים דאָרט אײַנגענאָרעט.

— רבי... רבי... — האָט ער געוויינט.

— גיי, חיים־יידל, גאָט געפֿינט זיך אין אוישוויצער טעאַטער אויך.

דאָס קול פֿון שילעווער רבֿ האָט שוואַך געפּישטשעט, ווי דאָס קול פֿון אַ קליין קינד וואָס לערנט זיך רעדן די ערשטע ווערטער.

7

דער לאַגער־עלטסטער לודוויג טין מיט זײַן סוויטע זענען געזעסן אַקעגן איבער דער בינע ווי אין אַ קעניגלעכער לאָזשע. דער קאַפּאָ פֿון דער קיך האָט אַרויסגענומען אַ בײַטל מיט שטיקלעך פֿלייש. אָט דער בײַטל פֿלייש האָט געדאַרפֿט זײַן פֿאַרן גאַנצן לאַגער. איין מאָל אין דער וואָך דאַרף אין יעדן קעסל זופּ ווערן אַרײַנגעוואָרפֿן אַ זשמעניע מיט אַזעלכע שטיקלעך פֿלייש. נאָר אַפֿילו דער קאַפּאָ פֿון דער קיך פֿאַרשטייט אויך ווי נאַריש און לעכער־לעך דאָס וואָלט געווען. אַ שטייגער ווי אַ קרישקעלע צוקער וואָלט מען אַרײַנ־געוואָרפֿן אין דער אָזערע, די פֿיש זאָלן עס אויפֿזוכן. די העפֿטלינגס וועלן דערפֿון גאָרנישט האָבן, און די פּראָמינענטן אויך נישט. קיינער וועט דערפֿון גאָרנישט געניסן. דאַקעגן איצט שטעקן די אַרומזיצנדיקע אַרײַן יעדער זײַן האַנט אין בײַטל, נעמען אַרויס פֿולע זשמעניעס, און וואַרפֿן די שטיקלעך פֿלייש ווי אַרבעס אין מויל אַרײַן. די זאַך איז לאָגיש: אַזוי זענען כאָטש פֿאַראַן אין לאַגער איינצלנע וואָס געניסן פֿון פֿלייש און האָבן הנאה.

די בינע איז פֿאַרהאַנגען מיט צוזאַמענגענייטע, גראָע דעקן, — אַ פֿאַרהאַנג. דער פֿאַרהאַנג דערגרייכט נישט ביז צום באָדן. דורך דעם שפּאַלט זעט מען די אַרומלויפֿנדיקע, באָרוועסע פּיאַטעס פֿון רעזשיסער, וואָס מאַכט דאָרט די לעצטע הכנות.

אין בלאָק ווערט לגמרי טונקל. בלויז אויף דער בינע בלײַבט אַ רויט ליכט. די דעקן רוקן זיך פֿונאַנדער: צוויי צוזאַמענגעהאָפֿטענע דעקן רעכטס־צו, און צוויי לינקס־צו. איין אַרטיסט ליגט אויף דער ערד אין מיטן דער בינע, צוגעדעקט מיט אַ טונקעלער דעק פֿון אַ שטובן־עלטסטן, טויט. זײַן גײַסט דאַרף איצט שפּילן די הויפּט־ראָלע.

פֿון אונטער דער דעק הייבט זיך טאַקע באַלד עמעצער אַרויף, לײַכט, לײַכט, ווי אַ רויך. פּשוט נישט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך. ער רירט נישט מיט די הענט און נישט מיט די פֿיס, נאָר ציט זיך ווי דער רויך פֿון קרעמאַטאָריום. ער איז אַרומגעהילט אין צוויי ווײַסע שירצן פֿון אַ קוכער: ער איז די נשמה פֿון דעם גוף וואָס ליגט אין דער מיט פֿון דער בינע. ער שוועבט אין חלל, זוכט אַ תּיקון, שווימט אַרײַן אין ליידיקן ראָם פֿון אַ שפּיגל, בלײַבט דאָרט הענגען אומבאַוועגלעך — אַן אָפּגעשפּיגלטע געשטאַלט פֿון איינעם וואָס איז מער נישטאָ.

אויף דער צווייטער זײַט בינע, לעבן אַ האָלצערנעם טיש פֿון פּריטשע־זײַטן, שווימען פּלוצלונג אַרויס קעפּ אָן העלדזער, אָן גופֿים. זיי בלײַבן

הענגען ווי אַ שורה געקעפּטע געשוואוירענע שופטים בײַם טיש. פון הינטערגרונט שוועבן אַרויס צוויי אַרטיסטן. זייערע קעפּ געווענדט איינער צום צווייטן. זיי פירן צווישן זיך אַ מוראדיק געשפּרעך, און גייען אין דער לופט מיט די פיס ווי אויף טרעפּ. שטומע, מאָדנע באַוועגונגען. רעדן מיט פאַרשלאָסענע מײַלער. צו זיי אַקעגן שוועבן אַרויס אַנדערע צוויי: זיי רעדן אַ מאָדנע אויגן־שפּראַך, אָן יעדע באַוועגונגען פון מויל און הענט. עס קוקט אויס ווי זיי וואָלטן באמת נישט אָנגערירט מיט די פיס דעם באָדן.

אַלץ קומט דאָ פאָר ווי נישט אויף דער מענטשלעכער ערד. אָט איז אַ טריבונאַל. און אָט דאַרף זיך איצט אָנהייבן די דראַמע. די „נשמה" שווימט אַרויס פון שפּיגל־ראַם, בלײַבט שטיין לעבן טריבונאַל מיטן פּראָפיל צום פּובליקום. עמעצער דאַרף איצט ווערן באַשולדיקט אין דער קעפּונג פון די שופטים. באַלד וועט דאָס געזעץ ווערן אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק.

אָבער, פּלוצלונג פליט אַרויס פון דער ערשטער לאָזשע אַ שווער שטיק האָלץ גלײַך אַרויף צו דער בינע, און טרעפט אין קאָפּ פון דער „נשמה". די „נשמה" האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטשעדיק געשרײַ און איז גלײַך אַוועקגעפאַלן אויף די ברעטער פון דער בינע. נאָר קוקט אַ וואונדער: דער „גוף" פון דער „נשמה" וואָס איז ביז איצט געלעגן טויט אויף דער ערד, צוגעדעקט מיט אַ דעק פון אַ שטובן־עלטסטן, האָט זיך פּלוצעם אויפגעכאַפּט צוליב דעם געשרײַ וואָס איז נישט געווען פאַרגעזען אין פּראָגראַם פון דער דראַמע, און געקוקט מיט אויפגעריסענע תחית־המתים־אויגן צו דער לאָזשע פון לאַגער־עלטסטן, פון וואַנען עס איז געפלויגן דאָס שטיק האָלץ.

דער לאַגער־עלטסטער, לודוויג טין, האָט אַרויסגענומען דעם שטעקן פון ראָבערטס האַנט, אים אויפגעהויבן צו דער בינע און געשריגן:

— אַוועק מיט דעם דרעק! זינגען! זינגען! זינגען זאָל מען אין אַ טעאַטער!

איצט איז שוין פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז איינער פון די אַרטיסטן וועט זיכער באַלד הענגען אין מיטן בלאָק אויף די הענט.

די אַרטיסטן האָבן זיך גערוקט אויף הינטערווײַלעכץ צום הינטערגרונט פון דער בינע. פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט פּשוטע, נישט־אַרטיסטישע שרעק. מען האָט באַלד געזען דעם אונטערשייד. זיי זענען פאַרשוואונדן און איבערגעלאָזט נאָך זיך די שרעק פון זייערע אויגן. דער רעזשיסער איז אַרויס אויף דער בינע. ער האָט זיך געבוקט. ער האָט געבראָכן מיט די הענט, זיך געקאָרטשעט, ווי עס וואָלט אים זייער קאַלט געווען.

— געערטע הערן! — האָט ער זיך באַמיט אויפצוקלערן, — דאָ ווערט גע־שפּילט דראַמע, וועלכע...

ער האָט נישט באַוויזן ווײַטער צו רעדן. שטעקנס פון בלאָק־עלטסטע האָבן אָנגעהויבן פליִען צו זײַן קאָפּ.

— זינגען! זינגען!... סאַרע דרעק־טעאַטער איז עס דאָ?

דאָס הינטער־טויער פֿון בלאָק איז געשטאַנען אויפֿגעפּראַלט. די אַר־טיסטן זענען אַרויס צו דער אוישוויצער נאַכט ראַטעווען זיך דאָס לעבן. דער רעזשיסער האָט זיך געדרייט לעבן אָפֿענעם טויער, נישט אויפֿגעהערט צו ברעכן די הענט. ער האָט נישט געוואוסט צי זאָל ער אויך אַנטלויפֿן, אָדער צי איז עס זײַן ערן־פֿליכט צו בלײַבן ווי אַ קאַפּיטאַן אויף זײַן אונטער־גייענדיקער שיף. במשך דער גאַנצער צײַט פֿון זײַן טעאַטער־טעטיקייט אין ווין האָט אַזאַ זאַך נישט געטראָפֿן. קיינער קאָן נישט זאָגן אַז ער האָט נישט געטאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך, האָבנדיק צו זײַן דיספּאָזיציע אַזעלכע פּרימיטיווע מיטלען ווי אין לאַגער. „אַך גאָט! אַך גאָט!... וואָס וועט איצט זײַן?" — האָט ער געבראָכן די הענט, געדרייט זיך אַהער, געדרייט זיך אַהין, צום סוף זיך פֿאַרטשעפּעט אין אַן אַרויסגעשטעקטן סקעלעטן־פֿוס פֿון אַ באַרג טויטע מוזלמענער, זיך אויסגעגליטשט און אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן באַרג סקעלעטן, אַרויסלאָזנדיק אַ יללה ווי אַ צעפּיעשטשעט קינד וואָס פֿאַלט אין בלאָטע, רירט זיך נישט, נאָר ליגט מיט אַ פֿאַרקײַכט מויל, וואַרטנדיק די מאַמע זאָל קומען און עס אויפֿהייבן.

פֿון אָפֿענעם טויער האָבן זיך אָן אויפֿהער געטראָגן די געשרײַען:

— זינגען!...

— אַרטיסטן!...

— געשפּילט זאָל ווערן!...

דער העפֿטלינג בײַ דער וואַנט איז ווײַטער געשטאַנען אין דער זעלבער גלײַכגילטיקער פּאָזע ווי פֿריִער. פֿון זײַן מויל האָבן זיך געצויגן די ווערטער:

— ווען זיי לאָזן מיך אַרויף אויף די ברעטער... איך האָב הינטער זיך פֿינף יאָר אין ראַדיאָ... איך ווייס וואָס די דײַטשן האָבן ליב. איך האָב געשפּילט אין געטאָ פֿאַר די דײַטשן. איך האָב באַלד געוואוסט אַז דאָס „שטיק" וועט לײַדן אַ פֿיאַסקאָ. מיך האָבן זיי געדאַרפֿט אַרויפֿלאָזן אויף די ברעטער...

— אָט איז די רגע! — האָט חיים־ייִדל אַ כאַפּ געטאָן בערגסאָנען בײַ דער האַנט — בערגסאָן, איצט! — האָט ער צו אים אויסגעשריגן, — איצט איז די צײַט! איצט אָדער קיין מאָל נישט! קידוש־השם! נישטאָ וואָס צו פֿאַרלירן! „גאָט איז אין אוישוויצער טעאַטער אויך פֿאַראַן..."

אַקעגנאיבער זייערע אויגן האָט דער רעזשיסאָר נישט אויפֿגעהערט זיך צו פֿאַרקײַכן מיטן געוויין אויף דער קופּע מוזלמענער. ער האָט זיך אַרײַנ־געפּלאָנטערט צווישן די ביינער און מורא געהאָט זיי אָנצורירן מיט די הענט, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געוואָרט אַז זײַן מאַמעשי זאָל קומען און זען זײַן מצב.

חיים־ייִדל האָט אַ צי געטאָן בערגסאָנען בײַ דער האַנט:

— שעת רצון!... — האָט ער אַ דערשטיקטן שרײַ געטאָן, ווי ער וואָלט אויסגעשריגן „שמע ישׂראל" פֿאַרן שפּרינגען אין פֿײַער.

ער איז אַרײַן אין טויער. צוויי טרעפּלעך צו דער בינע. קיינער איז

דאָרט נישט געשטאַנען. אַלע זענען אַנטלאָפֿן. אַ פֿרײַער אַרויפֿגאַנג צו די טרעפּלעך. דעם שילעווער רבֿס ווערטער: „גיי, חיים־ייִדל, זײַ מצליח", האָבן געהילכט אין זײַנע אויערן ווי אין אַ פֿאַרמאַכטער ליידיקער וועלט.

ער האָט אַרויפֿגעשלעפּט מיט זיך בערגסאָנען.

אַ רויט ליכט האָט אים פּלוצלונג פֿאַרגאָסן די אויגן. פֿון דער צווייטער זײַט ליכט, — אַ געדיכטע טונקלקייט. טויזנטער קעפּ שיסן זיך אַרויס פֿון דער טונקלקייט ווי אין פֿײַערווערק־צעשפּריץ. ער איז געשטאַנען מיט בערג־סאָנען אין מיטן דער בינע און נישט געשפּירט אַז ער שטייט טאַקע אויף דער בינע. ער האָט אַפֿילו נישט געוואוסט אַז זײַן האַנט האַלט נאָך אַלץ געשלאָסן בערגסאָנס האַנט. געשרײַען און געלעכטערס האָבן פֿאַרהילכט זײַנע אויערן. ער איז געווען ווי אין חלום. ווײַסע קעפּ. שוימיקע, ווײַסע קוואַליעס פֿון קעפּ עפֿענען פֿינצטערע מײַלער. הענט הייבן זיך, פּאַטשן בראַוואָ. צעשפּריצטער, ווײַסער שוים. אָפֿענע מײַלער הערן נישט אויף צו שרײַען און צו לאַכן:

— פּאַט און פּאַטאַשאָן!...*

— בראַוואָ! בראַוואָ!

— פּאַט־פּאַטאַשאָן!...

די קולות האָבן נישט אויפֿגעהערט. חיים־ייִדל האָט געוואוסט אַז ער דאַרף איצט אָנהייבן עפּעס זינגען. דאָס איז דאָך זײַן פֿליכט. דערויף איז ער דאָ אַרויפֿגעקומען. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויפֿגעקוקט צום חזן מיט תּחנונים אין די אויגן. בערגסאָן איז געשטאַנען גלײַך, אומבאַוועגלעך, געקוקט מיט זײַנע מוזלמאַנישע אויגן צום טונקעלן בלאָק פֿון וואו די ספּאַז־מאַטישע געלעכטערס און געשרײַען האָבן גאָרנישט אויפֿגעהערט.

— בערגסאָן, הייב־אָן! בערגסאָן, דערבאַרעם דיך, הייב־אָן!... — האָט חיים־ייִדל אַרויפֿגערעדט צו בערגסאָנען, האַלטנדיק אים נאָך אַלץ בײַ דער האַנט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז ווי נאָר ער וועט אָפּלאָזן זײַן האַנט וועט דער ווינט בערגסאָנען אַוועקבלאָזן, און ער, חיים־ייִדל, וועט איבער־בלײַבן אַליין אויף דער בינע, ווי אין אַ שטײַג צווישן ווילדע חיות מיט גע־עפֿנטע פּיסקעס. — בערגסאָן, — האָט חיים־ייִדל צו אים אַרויפֿגערעדט פֿון אַ ווינקל־מויל, — דו ביסט דאָך אַן אמתער חזן!... וואָס האָסטו מורא? דער שילעווער רבֿ האָט דאָך צוגעזאָגט אַז מיר וועלן מצליח־זײַן! בערגסאָן, עפֿן ס׳מויל. בערגסאָן, דערבאַרעם דיך!...

בערגסאָן האָט זיך נישט גערירט פֿון זײַן פֿאַרקאַלכטער פּאָזע, און וואָס מער בערגסאָן האָט אַזוי געקוקט מיט די אויגן, און וואָס מער חיים־ייִדל האָט אַט־אַזוי אַרויפֿגעקוקט צו אים מיט תּחנונים, אַלץ מער האָט מען אין בלאָק געיובֿלט און געשריגן: בראַוואָ, פּאַט, בראַוואָ, פּאַטאַשאָן!...

* דאָס אַמאָל־באַרימטע האָליוואָדער לצים־פּאָרל, איינער נידעריק, דער צווייטער הויך...

— דערבאַרעם דיך, בערגסאָן, הייב־אָן, איך וועל דיר צוהעלפֿן. איך וועל דיך נישט לאָזן פֿאַלן! וואָלט איך נאָר געוואוסט מיט וואָס אָנצוהייבן וואָלט איך געווען דער ערשטער. דו ביסט דאָך אַ חזן. אַן אמתער חזן. פֿאַר ווענען האָסטו מורא? דער שילעווער רבֿ האָט דאָך צוגעזאָגט. הייב־אָן. הייב־אָן!

אַז חיים־יידלס אויערן האָבן דערכאַפּט אַז די געלעכטערס אין טונקעלן בלאָק ווערן שטילער, און בערגסאָן עפֿנט נאָך אַלץ נישט דאָס מויל, איז אים קלאָר געוואָרן אַז די לאַגע איז זייער טראַגיש. ווען ער וואָלט זיך נישט געווען פֿאַרלאָזט אויפֿן חזן, וואָלט ער זיך פֿריִער אַליין געווען צוגעגרייט. איצט ווייסט ער נישט ביי וואָס ער זאָל אָנהייבן. נישטאָ איצט מער קיין וועג אויף צוריק. ער וועט דאַרפֿן אָנהייבן אַליין זינגען. אָבער וואָס? וואָס זאָל ער זינגען? פֿון בלאָק טראָגן זיך געשרייען:

— פּאַט, הייב אַ פּוס!

— פּאַטאַשאָן, וויַיז אַ קונץ!...

חיים־יידלען האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש: „דאָרט אויף דער פּריטש ליגן די גרעסטע אַרטיסטן פֿון אייראָפּע". ער האָט געזען ווי אַלע אַרטיסטן זענען צוריק אַרויסגעלאָפֿן דורכן טויער ווי דער טויט וואָלט זיי נאָכגעיאָגט. „טרעינינג, דער עיקר איז טרעינינג..." דער רעזשיסער אויף דער קופּע מוזלמענער האָט זיך פֿאַרקריַיכט מיטן געוויין ווי אַ קליין קינד. „גיי, חיים־יידל, און זיַי מצליח". אַלץ האָט זיך איצט געקאָכט צוזאַמען, אין איין טאָפּ, אויפֿן פֿיַיער פֿון זיַין געהירן.

— פּאַטאַשאָן, וויַיז אַ קונץ!...

חיים־יידל האָט אַרויפֿגעשאַרצט איין באַק, אויסגעדרייט דאָס מויל אין אַ זיַיט, און פֿון ווינקל־ליפּן אַרויפֿגערעדט צום חזן:

— בערגסאָן, איך הייב־אָן, בערגסאָן, זאָלסט מיך נישט לאָזן פֿאַלן!

וואָס מער חיים־יידל האָט אָט אַזוי אויף אַ גנבֿישן אופֿן אַרויפֿגערעדט צו בערגסאָנען, אַלץ מער האָט מען זיך אין די לאָזשעס געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער.

פּלוצלונג האָט חיים־יידל געגעבן אַ צייכן אַז ער הייבט אָן:

— שאַ!...

חיים־יידל האָט צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער. פֿאַרגלאַיזט די אויגן. אין בלאָק איז נישט מעגלעך געווען איַינצושטילן דאָס געלעכטער. אַלע האָבן געשריגן „שאַ!"... „שאַ!"... און געלאַכט.

פֿינצטערע מיַילער האָבן זיך פֿאַרמאַכט. שוימיקע כוואַליעס — אָפּגעשטעלט. און חיים־יידלס אויערן האָבן דערהערט זיַין אייגן קול:

בנפֿשו!... בנפֿשו... אוי־אוי־אוי בנפֿשו... יבֿיא ל־ל־ל־לחמו!...

פּלוצלונג האָט זיך בערגסאָן אויפֿגעוועקט. עפּעס איז אין אים צוריקגעקומען צו פֿליִען פֿון וויַיטע וועלטן — ער שטייט איצט לעבן עמוד אין קליינעם גאַליצישן שטעטל, לעבן זיַין פֿאָטער, דער בעל־תּפֿילה אין ריזשינער

קלויז. ס׳איז ראש־השנה. דער פּאַטער דאַווענט מוסף, און ער, אַ קליין ייִנגל, האַלט־אונטער:

אוי־אוי־אוי־משל... משל... כחרס הנשבר...

חיים־ייִדל האָט פּלוצלונג דערהערט בערגסאָנס שטימע. אַ ציטער פֿון פֿרייד איז אין אים אַדורכגעלאָפֿן. די אויגן זענען אים פֿול געוואָרן מיט טרערן. אַ נײַ לעבן האָט אין אים אויפֿגעקוואַלט. חיים־ייִדל האָט זײַ געזונגען און זײַ אַרויפֿגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו בערגסאָנען. ער האָט אים אַרומגענומען מיט דער רעכטער האַנט, זיך געדריקט צו זײַן זײַט מיט דאַנקבאַרקייט, זינגענדיק מיט אים צוזאַמען:

אוי, אוי, אוי, אַד־־־ם... יסודו מעפֿר...

דער בלאָק האָט געהילכט, געפּאַטשט, געיובֿלט: בראַוואָ! בראַוואָ!...

— געבענטשט זאָלסטו מיר זײַן, בערגסאָן! — האָט זיך חיים־ייִדל גע־טוליעט צו אים ווי אַ גליקלעך קינד, — אַ כּוח אין דײַנע ביינער!

נאָר בערגסאָן איז ווײַטער געשטאַנען אין דער זעלביקער פּאָזע, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט אים נישט געווען נוגע. און וואָס מער ער איז אָט אַזוי געשטאַנען, אַלץ מער האָט דאָס פּובליקום געיובֿלט:

— פּאַט־פּאַטאַשאָן!...

— עפּעס פֿריילעכס!

— אַ קונץ! פּאַט, ווײַז אַ קונץ!...

ווײַזט אויס אַז דער העפֿטלינג אין דרויסן האָט דערהערט דעם גרויסן „סוקסעס״ פֿון די צוויי זינגער. פּלוצלונג איז ער דערשינען אויף דער בינע. חיים־ייִדל איז געווען צופֿרידן. אַדרבא, זאָל זיך נאָך אַ ייִד ראַטעווען. אַדרבא, זאָל ער אויך זינגען. צוזאַמען וועט זײַן בעסער. חיים־ייִדל האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט צום פּובליקום:

— שאַ! איצט האָב איך דעם כּבֿוד פֿאָרצושטעלן נאָך אַ זינגער. אַן אמתער זינגער. נישט קיין אָפּגענאַרטע זאַך!

און ווירקלעך. דער זינגער ווייסט וואָס די דײַטשן האָבן ליב. ס׳איז אַ ליד וועגן אַ „מעדעליין מיט צוויי בריסטעליין״, און אַלע פּרטים וואָס אַזעל־כעס מען דאַרף מיט דעם „מעדעליין״ טאָן כּדי „אַלע זאָלען פֿראָהע זײַן״. אַ ליד — אַ שלאָגער. אַרײַנגעטראָפֿן אין פּינטל.

דער גאַנצער בלאָק האָט באַלד אָנגעהויבן מיטצוזינגען דעם רעפֿריין:

„האָב איך אַין מעדעליין
„האָפּ־האָפּ־האָפּ־האָפּ
„איזט זי אַין ליבעליין
„האָפּ־האָפּ־האָפּ־האָפּ
„לאָמיר אַלע פֿראָהע זײַן...״

פֿון לאַגער־פּלאַץ האָבן זיך געטראָגן קלעפּ אינעם גאַנג: נאָכן שפּיל! געענדיקט דאָס טעאַטער!

וואַצעק, דער קאַפּאָ פֿון דער קאַרטאָפֿל־שיילעריי, איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויף די ברעטער פֿון דער בינע:

— העי, פּאַט־פּאַטאַשאָן! — האָט ער צו זיי אַרויסגעשאָסן — מאָרגן מעגט איר ווײַזן אײַערע מאָרדעס בײַ מיר אין קאַרטאָפֿל־שיילעריי! ס׳וועט זײַן זופּ וויפֿל איר וועט נאָר קאָנען פֿרעסן!...

דער הימל איז געלעגן נידעריק ווי אַ שוואַרצע דעק איבערן לאַגער. דער גאַנג האָט געקלאַפּט צום לעצטן מאָל. דער הויפּט־שאָסיי איז שוין געווען ליידיק. חיים־יִדל האָט געאײַלט צום בלאָק 16. ער איז כּמעט געלאָפֿן. „ס׳וועט זײַן זופּ וויפֿל איר וועט נאָר קאָנען פֿרעסן". פֿון זײַנע אויגן האָבן גערינען טרערן. ער האָט געוויינט אויף אַ קול.

# אינהאַלט:


יחיאל האָפער: דער וועג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ישׂראל און אין די תּפוצות ........ 7

ק. צעטניק: טעאַטער אויף יענער וועלט ........ 26

אַבֿרהם זאַק: אונטער פאַרמאַכטע אויגן (פּאָעמע) ........ 58

חווה ראָזענפאַרב: איך און מײַן חלום (ליד) ........ 69

לייב וואַסערמאַן: לאָמיר גיין (ליד) ........ 72

יאָנאַס טורקאָוו: יאַנוש קאָרטשאַק — דער הייליקער קינדער־דערציִער ........ 73

רבֿקה באַסמאַן: מײַן שעפּעלע (ליד) ........ 91

רייזל זשיכלינסקי: שווײַגנדיקע טירן; בײַ נאַכט (לידער) ........ 92

ישׂראל עמיאָט: אויפֿן טויט פון א פויער (ליד) ........ 93

זײַנוול דיאַמאַנט: אַן אָרנטלעך טיהוויז (נאָוועלע) ........ 94

אַבֿרהם לעוו: יאָשע־בער (פּאָעמע פון קיבוצישן שטייגער־לעבן) ........ 149

ישעיהו שפּיגל: די שבֿועה (דערציילונג) ........ 173

יוסף לעפּטוויטש: ייִדישע שרײַבער דערגרייכן חשיבֿות בײַ דער וועלט ........ 196

גוטע גוטערמאַן: אין בית־דגון אויף א חתונה; פרילינג אין בית־דגון (לידער) ........ 216

רבֿקה קאָפּע: ווילן (ליד) ........ 219

הערץ בערגנער: דער ירושה־בריליאַנט (דערציילונג) ........ 222

שלמה סײַמאָן: דאָס מעגלעכע און דאָס אוממעגלעכע ........ 235

ל. פײַנבערג: דער פאַרכּישופטער שלאָס (באַלאַדע) ........ 262

אלף כּץ: ר' אלתּר פיש (עקסטראַוואַגאַנזאַ) ........ 267

ישעיה טרונק: ווי אַזוי פאָרשט מען די געשיכטע פון די חרובֿ־געוואָרענע קהילות אין פוילן? ........ 275

לייזער אייכענראַנד: פון שווײַגן שלאָג אַרײַן אין מיר די שווערד (ליד) ........ 287

י. מאַניק (לעדערמאַן): דײַן נאָמען (ליד) ........ 289

יחיאל האָפֿער: דער וועג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ישׂראל און אין די תּפֿוצות ........ 7

ק. צעטניק: טעאַטער אויף יענער וועלט ........ 26

אַבֿרהם זאַק: אונטער פֿאַרמאַכטע אויגן (פּאָעמע) ........ 58

חוה ראָזענפֿאַרב: איך און מײַן חלום (ליד) ........ 69

לייב וואַסערמאַן: לאָמיר גיין (ליד) ........ 72

יאָנאַס טורקאָוו: יאַנוש קאָרטשאַק—דער הייליקער קינדער־דערציִער 73

רבֿקה באַסמאַן: מײַן שפּעלע (ליד) ........ 91

רייזל זשיכלינסקי: שווײַגנדיקע טירן; בײַ נאַכט (לידער) ........ 92

ישׂראל עמיאָט: אויפֿן טויט פֿון אַ פֿויער (ליד) ........ 93

זײַנוול דיאַמאַנט: אַן אָרנטלעך טייהויז (נאָוועלע) ........ 94

אַבֿרהם לעוו: יאָשע־בער (פּאָעמע פֿון קיבוצישן שטייגער־לעבן) ........ 149

ישעיהו שפּיגל: די שבֿועה (דערציילונג) ........ 173

יוסף לעפּטוויטש: ייִדישע שרײַבער דערגרייכן חשיבֿות בײַ דער וועלט 196

גוטע גוטערמאַן: אין בית־דגון אויף אַ חתונה; פֿרילינג אין בית־דגון (לידער) ........ 216

רבֿקה קאָפּע: ווילן (ליד) ........ 219

הערץ בערגנער: דער ירושה־בריליאַנט (דערציילונג) ........ 222

שלמה סײַמאָן: דאָס מעגלעכע און דאָס אוממעגלעכע ........ 235

ל. פֿײַנבערג: דער פֿאַרכּישופֿטער שלאָס (באַלאַדע) ........ 262

אלף כּץ: ר׳ אלתּר פֿיש (עקסטראַוואַגאַנזאַ) ........ 267

ישעיה טרונק: ווי אַזוי פֿאַרשט מען די געשיכטע פֿון די חרובֿ־געוואָרענע קהילות אין פּוילן? ........ 275

לייזער אייכענראַנד: פֿון שווײַגן שלאָג אַרײַן אין מיר די שווערד (ליד) ........ 287

י. מאַניק (לעדערמאַן): דײַן נאָמען (ליד) ........ 289

וואָלף הערש איוואַן: ווען דו (ליד) ........................................ 290

קלמן הייזלער: שטיל ווי אויף אַ בית־עולם (ליד) ........................ 291

מ. מענאַכאָווסקי: צוריקגעשטאַנענע קינדער אין דער ייִדישער לי־
טעראַטור ........................................................................ 293

א. ר. מלאכי: „שולמית" (וועגן אַ ייִדיש בלאַט וואָס איז מיט 50
יאָר צוריק דערשינען אין ירושלים) ........................................ 307

נ. י. גאָטליב: אין וועג (פּאָעמע) .............................................. 318

ל. אָליצקי: בטחון (פֿאָלקסטימלעכע באַלאַדע) ................................ 324

יוסף שטשאַווינסקי: בוימוואָל (דערציילונג) ................................. 329

ד"ר מרדכי שעכטער: מיר שטייען ניט אויף אַן אָרט .......................... 351

מנשה אונגער: דער בעל־שם־טובֿ־מאָטיוו אין דער ייִדישער פּאָעזיע 363

וואָלף פּאָסמאַניק: עמעץ; זומער אין רויטן באַגינען (לידער) ........ 389

משה קאַגאַנאָוויטש: ייִדישע און העברעיִשע ביכער וועגן דער ייִדי־
שער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג .................................................... 390

יצחק ליכטענשטיין: רעפֿלעקסן .................................................... 403